STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00839

IKER SHOKHAHTI

Melech Ravitch

Permanent preservation of this book was made possible by
Frieda Stein
in memory of
Philip Stein

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מלך ראוויטש

★

עיקר שכחתי

Printed in Canada by
THE NORTHERN PRINTING AND LITHOGRAPHING CO.
Montreal, Canada
1969

מלך ראַוויטש

★

עיקר שכחתי

★

לידער און פּאָעמעס

פון די יאָרן

1969—1954

★

צייכענונגען:

אַדרי בערגנער,

יאָסל בערגנער.

ארויסגעגעבן פון מ. ראַוויטש בוך-קאָמיטעט

ביי דער יידישער פאָלקס-ביבליאָטעק אין מאָנטרעאַל

1969

די פינף סעריעס

פון דעם לידער־בוך:

א.

דיאַלאָגן מיט דעם אין-סוף

ב.

כי בנו בחרת

ג.

דו און איך

ד.

אַרום דער לעגענדע פון אַבסאָלוטן יושר און גוטע כוונות

ה.

אַ זקן פאַרשפּילט זיך מיט זיינע לידער

מחמת וואָס, מחמת וואָס,

איז די נשמה

פֿון העכסטער הויך

אַראָפּ אין טיפֿסטן גרונט?

— דאָס פֿאַלן טראָגט

דעם אויפֿקומען אין זיך...

פינאַל־געזאַנג
פון ש. אַנ־סקי׳ס
„דער דיבוק״.
טעקסט פון „זהר״.

אמר — האָט געזאָגט — דער מחבר

מיר לעבן אין אַ וועלט, וואָס האָט זיך דערקייקלט צום שאַרפן ברעג פון תהום פון איר אונטערגאַנג.

און אַז איך זאָג „וועלט" — מיין איך: מענטש, מענטשהייט, מענטשטום.

מיר לעבן אין אַ וועלט, וואָס האָט פיזיש־טעכניש דערגרייכט די לעצטע פאַר איר מעגלעכע גרעניץ — די לבנה.

אונדזער מענטש־גורל איז פאַרבונדן מיט דעם גורל פון אונדזער פּלאַנעט. און אונדזער יידישער גורל איז אויף אַלע אייביקייטן פאַרבונדן מיט דעם גורל פון דער מענטשהייט. מעג אונדז די מענטשהייט הונדערט מאָל האָבן אָפּגע־וואָרפן פון זיך אויף אַלערליי גרויזאַמע אופנים, הונדערט מאָל זענען מיר צוריקגעקומען.

מיט אונדזער דערשיינען אין דער געשיכטע פון דעם כדור־הארץ איז דערשינען דער באַגריף פון אמת און יושר. יעדעס פאָלק האָט זיך זיין שליחות און אונדזער שליחות איז יושר. מיט דער שליחות זענען מיר געבוירן געוואָרן. מיט דער שליחות אין אונדזער גאַנצן גייסטיקן מהות לעבן מיר ביז די טעג פון משיחס־קומען — אָדער מיר ווערן, באַזיגטע, שטאַרבן. אונדזער וואָפן איז גייסט — אַמאָל, איצט, און אייביק.

* * *

די לידער פון אָט דער זאַמלונג „עיקר שכחתי" זענען גרייט געווען — אַנדערע פון זיי ליגן און רוען שוין אַזוי צען יאָר און וואַרטן. דער קאָמיטעט ביי דער יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק אין מאָנטרעאָל, וואָס האָט אונטערגע־נומען דאָס פינאַנסירן די אויסגאַבע צו דער געלעגנהייט פון קיילעכדיקע דריי־פערטל־הונדערט יאָרן מיינע — איז אויך שוין גרייט געווען. אַלץ און אַלע זע־נען גרייט געווען און נאָר דער מחבר איז נאָך אַלץ נישט גרייט געווען. ער האָט געזוכט פאַרשידענע תירוצים אויף אָפּצוהאַלטן די אויסגאַבע. ביז ער האָט ענדלעך זיך אליין ממש באַפוילן: פיר וואָכן גיב איך דיר — איך, דיין אייגע־נער איך, און דער כתב־יד מוז זיין פאַרטיק! קיין שום אַרויסדרייען זיך מער!

דו ביסט אַלט און רעכן דיך מיט דעם. דאָס זענען אפשר די לעצטע לידער דיינע. איך זאָג עס אָן שום סענטימענטן אָדער גאָר מורא. איך זאָג עס ניכטערן. דער איינציקער אבסאָלוטער אמת, מיט וועלכן דער מענטש ווערט געבוירן, איז: אז ער וועט שטאַרבן.

און וואָס נאָך דעם שטאַרבן וועט זיין — דאָס ווייסט קיין פילאָזאָף נישט און איך אוודאי נישט. אָבער, אַז עס וועט זיין — דאָס איז זיכער. און קיין פי־לאָזאָף לייקנט עס נישט — אפילו נישט ספּינאָזאַ.

* * *

און זאָל מיר דאָ דערלויבט זיין צו דערציילן אַ גאָלביטערן עפּיזאָד וואָס האָט אַ שייכות צו דער הקדמה:

צופעליק בין איך געוואָר געוואָרן, אַז אין דער משפחה פון דער דיכטערין אידע מאַזע איז געשען אַ גרויס אומגליק. בין איך תיכּף אַהין געלאָפן. צוריק מיט אַ פּאָר שעה איז זי געוואָר געוואָרן, אַז איר מאַן איז פּלוצלינג געשטאָרבן, פאַרנדיק צוליב מסחר אין אַן אויטאָמאָביל אין אַ קאַנאַדיש־קוועבעקער דאָרף.

אַריינגעקומען אין דעם צימער, ווו די דיכטערין איז געזעסן און געיאָ־מערט, האָב איך מיך אַנידערגעזעצט און געשוויגן — וואָס האָב איך דען גע־האָט צו זאָגן. שוויג איך און קוק אויף די ווענט מיט ביכער — פון דער סטעליע ביז דער בריק: ביכער און ספרים.

זעט אידע מיין שוויגנדיק קוקן אויף די ביכער־ווענט און רופט זיך אָפּ מיט אַ מין טויטן קול: „אַ גאַנץ לאַנג לעבן האָב איך געמיינט, אַז ביכער זע־נען באַגליקערס פון דעם מין מענטש — איין קלייניקייט, פּאָעזיע, די שיינקייט און גוטסקייט. און יידישע ביכער זענען באַגליקערס פון אונדזער געמאַטערט פאָלק. אָבער איצט קוק איך אויף אָט די ווענט מיט ביכער און זע, אַז דאָס איז בלויז פּאַפּיר, טויט פּאַפּיר".

אַ שעה שפּעטער האָב איך מיך שוויגנדיק אויפגעהויבן און אָן אַ וואָרט אַוועק. און ווי אַ בלייערנער שאָטן איז מיר נאָכגעגאַנגען אַ וואָרט: פּאַפּיר, בלויז פּאַפּיר...

* * *

און צוריק צו דער הקדמה פון מיין נייעם לידער־בוך.

אַלערליי מאָדנע נעמען פלעג איך געבן די זאַמלונגען פון מיינע לידער. צווישן אַנדערע: — אויף דער שוועל — רואינענגראַז — פּרעהיסטאָרישע

לאַנדשאַפטן — נאַקעטע לידער — די פיר זייטן פון מיין וועלט — קאָנטינענטן און אָקעאַנען — די לידער פון מיינע לידער — די קרוינונג — און אנד.

סוף כל סוף דעפיניטיוו באַשלאָסן די דאָזיקע זאַמלונג אָנצורופן: עיקר שכחתי. אַ היפּש ביסל אַליין־באַרעכטיקונג און נאָך מער אַליין־סאַרקאַזם.

גיכער האָט די זאַמלונג געדאַרפט הייסן: היתכן רבונו של עולם? דאָס וואָלט אָבער געווען שוין צו עקסטראַוואַגאַנט.

די טעכנישע אָן־נשמהדיקע נאַטור־כוחות האָבן צוגענומען די סודות פון אַלערליי עקרים, מחמת זיי זענען סייווי כולל אין זיך אַלע עקרים פון גאָטס — אָדער דעם אשמדאי׳ס — וועלט.

איז וואָזשע פלאָנטערט זיך דאָ אונטער די פיס די פּאָעזיע, און מיט וואָס איז זי דער עיקר? איז קיין ענטפער טאָקע נישטאָ, סיידן: דו זעסט דאָך — —

איז טייטשט עס ווי אייך געפעלט. ביי מיר וועט דער טיטל פון דער זאַמלונג בלייבן: עיקר שכחתי.

און פאַרט—אפשר איז די פּאָעזיע טאָקע דער אמת, אויך מיין פּאָעזיע? אפשר שטייען מיר פאַר אַזאַ תקופה אין דער וועלטס געשיכטע, אַז נישט מלכים און נישט פּרעזידענטן וועלן זיין די מושלים און מנהיגים פון דער וועלט, נאָר אירע געניאַלע חכמים און פּאָעטן. און אפשר גאָר מלאכים. ווער ווייסט וואָס אין אַ משוגע געוואָרענער וועלט קען געשען.

* * *

אין יידישן מאַמע־לשון גראַמט זיך גאָט מיט סוד. אָן אַ שיעור יידישע פּאָעטן האָבן אין לידער אָן אַ שיעור געזוכט די באַשיידונג פון אָט דעם מיסטעריעזן גראַם.

דורך דער אַנטפּלעקונג פון סוד פון די סודות האָבן זיי געזוכט גאָט — כדבר איש אל רעהו — שוין פיר־טויזנט יאָרן זוכן זיי גאָט, יעדער אויף זיין אופן. מיט איין וואָרט: גאָט־זוכערס; אָבער גאָט אַנטפּלעקט זיך נישט. גאָטס כוח איז מוראדיק טאָפּלט — אַזוי אין אייביקן בויען און אַזוי אין אייביקן צעשטערן.

מער ווי וועלכע נישט איז פּאָעטן פון אַלע וועלטס לשונות פון דעם מין מענטש — זוכן די יידישע פּאָעטן גאָט. זיי זוכן אים אין די צוויי אַטריבוטן פון אייביק בויען און אייביק צעשטערן. זיי זוכן און זוכן — די פּאָעטן — די אַנטפּלעקונג פון גאָטס סוד — און געפונען האָבן זיי דעם אַטאָמישן צעשטערונגס־כוח. ווי ביטער, און ווי קאָסמיש־טראַגיש. דאָס ערשטע פענצטערל צו דעם

דביר פון אַלע גאָטס סודות איז זיין מוראַדיקער צעשטערונגס־כוח. געזוכט גאָט — און געפונען דעם אשמדאי.

און אויך אני הקטן מן הקטנים האָט דאָס גאַנצע צייטיקע און שוין לאַנגע לעבן מיינס געזוכט גאָט — און אויך איך האָב בלויז געפונען דעם אַבסאָלוטן אַטריבוט פון גאָטס צעשטערונגס־כוח און רעלאַטיווען אַטריבוט פון אייביקן בויען.

אַלע מיינע לידער — און באַזונדערס די לידער פון דעם דאַזיקן „עיקר שכחתי", זענען עדות.

ובכן וואונדערט זיך נישט איבער מיין פעסימיזם, וואָס נאָר גאָט אַליין וואָלט אים געקענט היילן, מחמת ער אַליין איז די סיבה זיינע.

* * *

אָנגעהויבן לידער־שרייבן צו מיינע 17 יאָר. פרימיטיוו און קלאָר און סענטימענטאַל. מיט איין וואָרט — אַזוי ווי היינריך היינע — נאָר אָן זיין גאָלד־שטראָמיקן טאַלענט.

אינמיטן פון די ערשטע יאָרן פון דער ערשטער וועלט-מלחמה אָפּגעקערט זיך פון דעם זיסן, עראָטישן לידער־שרייבן און דערזען דורך די לידער דעם אמת פון דער ברוטאַלער וועלט און ביי אָט דעם אמת געבליבן ביז — יאָ ביז משיח וועט קומען. און איך גלויב אין ביאת המשיח.

גלויב מיר יאָ, אָדער גלויב מיר נישט, איך גלויב יאָ. אין די יאָרן 1910 ביז 1920 געוווינט אין ווין און די לידער זענען פול געוואָרן מיט גאָט און יושר־זוכעריי. די גאָט־זוכעריי האָט סוף כל סוף געפונען אַן אידעאַלן אָנשפּאַר אין דער געשטאַלט פון ברוך ספינאָזאַ און זיין פילאָזאָפיע, וואָס פאַרענטפערט אַלע ספקות, אָבער נאָר ביז צו דער שוועל פון דעם גרויסן סוד.

* * *

דאָס אַלץ אין אינהאַלט. און אין דער פאָרם? אין דער פאָרם — זוכעריי פון פרימיטיוו, אַזוי קלאָר ווי דער סטיל פון תנ"ך.

אפשר האָט דאָס אַ שייכות צו די מאמרים מיינע וועגן המשך פון ספר־הספרים. פּאָעזיע איז נישט און זאָל נישט זיין אַ שפּילעריי מיט ווערטער און נייערט די שטרעבונג צו דער פאַרוויקלעכונג פון דעם אבסאָלוטן אמת ווי א לעבנס־דעוויז: טו דיר גוט אָן יענעמס שאָדן — טו יענעם גוט אָן דיין שאָדן. אַ האַרבער פּראַזאישער אמת. אָבער דאָס איז דער איינציקער אמת.

גאָט מיינער, וואָס האָב איך אַלץ צוזאַמענגעשריבן אין די עטלעכע און פופציק יאָרן פון שרייבן פּאָעזיע און עסייען. וויפל — מער ווייניקער קלאָרע

מחשבות און וויפל אומרעאַלע און סתירותדיקע און — אין סטיל פון דער צייט — פשוטער אַבסורד.

און אין אָט דעם ליטעראַרישן פּלאָנטער איין קלאָר זוכן, (חוץ זוכן גאָט) אין זיך אַליין אַ המשך אַ נאַציאָנאַלן, אָבער אַזאַ המשך, וואָס אינטעגרירט זיך אין אַן אוניווערסאַל־הומאַניסטישער וועלט־באַנעמונג. און דערצו אַ המשך פון אַן עטישער וועלט־באַנעמונג דורך גאָט־באַנעמונג — אין וועלכער גאָט און מענטש זענען נאָר מאָדוסן פון דער סובסטאַנץ, וואָס זי איז גאָט. אבסאָלוטע מענטשלעכע עטיק צווישן מענטש און מענטש.

* * *

יצחק לייבוש פרץ איז מיין נאַציאָנאַל־יידישער מורה־דרך. אין זיינע קינסטלערישע ווערק איז ער, וואָס ער איז. דאָס איז אַ באַזונדערער ענין. אין זיינע געדאַנקען־עסייען איז ער אַ יידישער מענטש און אַ מענטשלעכער ייד. אַ דוגמא פאַר אַלע מענטשן אויף גאָטס ערד — ווען זיי וואָלטן זיך נאָר וועלן צוהערן. איך האָב געוואָלט מיך צוהערן. אַלע מיינע שריפטן זענען עדות.

* * *

איך האָב די אַרום פופציק לידער און פּאָעמעס — געשריבענע אין פאַר־לויף פון אַרום 15 יאָר איינגעטיילט — פאַר אָט דער אויסגאַבע אין פינף חלקים. דאָס גאַנצע בוך רוף איך: עיקר שכחתי און די בינטלעך אָט אַזוי:

אַ. דיאַלאָגן מיט׳ן אין סוף —

ב. כי בנו בחרת —

ג. דו און איך —

ד. אַרום דער לעגענדע פון אַבסאָלוטן יושר און גוטע כוונות —

ה. אַ זקן פאַרשפּילט זיך מיט זיינע לידער —

* * *

גיי דיר — מיין לידער־זאַמלונג אין דער וועלט אַריין און זיי אַ גוטער בעטער פאַר זיך אַליין און אויך פאַר דיין מחבר.

כי בנו בחרת — רוף איך דעם צווייטן לידער־ציקל פון אָט דער זאַמ־לונג. זאָל עס נישט געטייטשט ווערן ווי שאָוויניזם. אַ גרויסער העברעיש־יידי־

שער דיכטער האָט אַמאָל געזאָגט: אויף דער וועלט זענען פאַראַנען נאָר צוויי פעלקער: יידן און גוים. חלילה — מיר אַזוי צו טראַכטן, אָדער זאָגן, אָדער שרייבן. אדרבא — אויף דער וועלט דאַרף זיין נאָר איין פאָלק, איין מין מענטש — אַ מענטש פון גוטן ווילן. ביי דער אייביקייט זענען פעלקער א צל עובר. אלע פעלקער גייען צום מענטש. יעדעס פאָלק אויף זיין וועג. ער איז דער קירצסטער. און מיר, יידן, גייען צום מענטש אויף דעם יידישן וועג.

אַזוי האָט געלערנט יצחק לייבוש פּרץ.

מלך ראַוויטש

מאָנטרעאל, סוף 1969

* * *

אַן עיקר שכחתי צום עיקר שכחתי —

נאָך אַ סעודה קומט אויפן סדר: דאַנקען —

און א נישט צו אָפטע סעודה איז היינט דאָס ארויסגעבן אַ בוך און בעיקר אַ בוך אין יידיש און דערצו פּאָעזיע. דאַנק איך דעם ספּעציעלן מ.ר.־קאָמיטעט ביי דער יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק, וואָס האָט די דאָזיקע אויסגאַבע דער־מעגלעכט. און שוין נישט דאָס ערשטע מאָל אַזוי.

איז אַ האַרציקן דאַנק אייך אַלע באַטייליקטע.

די יידישע ליטעראַטור האָט נאָך אַ גרויסן רעזערוואַר פון ענערגישע שעפער אויף לאַנגע יאָרן און דערצו אַ גרויסן רעזערוואַר ענטוזיאַסטן, אַט טאַקע אַזעלכע פריינד, וואָס האָבן זיך באַשטייערט, אַז נאָך איין לידער־בוך זאָל געפינען זיין וועג צו דער יידישער ליטעראַטור.

מ. ר.



דיאַלאָגן
מיט
דעם
אין-סוף

אַ דיאַלאָג צווישן אַ מענטש אויף דער ערד און דער זון אויפן הימל

אין אַ יאַנואַר־טאָג,
אויף דעם קרייז פון מיין פנים
איז פּלוצלונג געפאַלן
אַ שטראַל פון דער זון:
— ווער ביסטו מאַמע — צוריקגעפרעגט האָב איך —
וואָס זאָגסטו מיר אָן מיט דעם מילדן פאַלן
פון דיינע יאַנואַר־שטראַלן
אויף דעם קרייז פון מיין פּנים?

ס'קענען שטראַלן נישט רעדן — שטראַלן קענען נאָר שרייבן,
האָבן די שטראַלן געשריבן
אותיות דיינע אויף די ווירעס, די האָריזאָנטאַלע
פון דעם קרייז פון מיין פּנים,
געשטראַלט, זיך געלאָשן, געשריבן, געמעקט
סימנים
און שטראַלן — געפרעגט:
— און ווער ביסטו קינד, ווער ביסטו מענטש?
און די שטראַלן זענען פּלוצלונג ניט־געבליבן.

און ווידער:
— ווער ביסטו, מאַמע?
— ווער ביסטו, קינד?
ביז דער טאָג איז געוואָרן פאַרנאַכט,
דערגאַנגען זיין גאַנג, דערזונגען זיין געזאַנג
אויף די ווירעס, די נאָטן פון קרייז פון מיין פּנים
ביז אַ לעצטן פּינטל פון די שטראַלן־סימנים.
און דעמאָלט
האָט זיך פון דער טיף פון אין־סוף דערהערט
אַ שטילער קלאַפּ צווישן הימל און ערד —
דאָס האָבן די טויערן פון די ווינטער־הימלען
פאַרמאַכט זיך אויף איבערנאַכט.

נאָר אין אין־סוף־חלל צווישן נאַכט און טאָג
איז הענגען געבליבן
דער אייביקער דיאַלאָג,
צונויפגעשטעלט פון לויטער פרעגן,
און האָט זיך שטילערהייט אין דער פינצטער געשריבן:
— ווער ביסטו שמש, ווער ביסטו מאַמע?
— ווער ביסטו ילד, ווער ביסטו מענטש?

דער קרייז פון מיין פּנים האָט איצט גערוט,
אריינגעקרייזט אין דער נאַכט,
און אין שטילער אימה געוואַרט און געוואַכט
צו ווידער־טאָג.

און דער אייביקער דיאַלאָג
איז פון חלל, ווי צוויי נאַכט־וואַנדלערס שטילע
אַראָפּ און אַריין אין מיין בלוט,
און שטילערהייט מיט אים מיט־פולסירט,
קיין רגע נישט גערוט
און דעם אייביקן דיאַלאָג
אין דער אומענדלעכקייט־אייביקייט
געפירט:
— ווער ביסטו שמש ווער ביסטו מאַמע?
— ווער ביסטו אדם? ווער ביסטו קינד?

.1960

ביים שפּיגל

איז ווער איז ער פּאָרט,
אָט אָ דער, אָט אָ דאָרט, וואָס ער שפּאַנט
אייביק דורך פּענצטער, דורך גלאָז און דורך וואַנט,
אָט אָ דער אין די שפּיגל־רעמען,
וווהין און צו וואָס און צו וועמען
גייט ער — דער מיסטער איך?

צו וועמען שמייכלט ער, צו וועמען רעדט ער,
צו וועמען טראָגט ער אָט אַצינד דאָס קריגל
דאָס פּוסטע ביזן סאַמע ראַנד
מיט וויין פון איינזאַמקייט?
צו וועמען טרינקט ער עס מיט אַ לחיים,
אַ טויטן לחיים אין שפּיגל,
— לחיים, מיסטער איך!

און איך גיי אַהין, און איך גיי צוריק,
און עס באַגעגנט זיך אונדזער בליק
און אַפילו אונדזער געדאַנק;
און מיר טראַכטן ביידע: איך גיי —
אָבער זיינס איז נישט קיין גאַנג,
ער פליט — איז ווערזשע האָט דאָ פליגל,
דער מענטש אין שטוב — אָדער מיסטער איך אין שפּיגל?

און וואָס איז גאָר דאָס? אויף זיין שטערן, זיין בלייכן
איז דאָ אַ ווייסער צייכן,
אַ זיגל
מיט אַ געהיימער שריפט,
אָדער בלוט טריפט?

ניין, איך קען נישט, איך קען נישט עס אויסהאַלטן מער,
כ׳וועל אַרויסרייסן פון דער וואַנט אַ שטיק ציגל
און וועל צעברעכן דעם דאָזיקן שפּיגל!
און אויף דעם שטומען געדאַנק
באַוועגן זיך שטום די ליפּן
פון מיסטער איך אין שפּיגל:

עיקר שכחתי

— וואָס וועט ארויסקומען — וועל איך ווערן טויזנט מיסטער איכן,
עס האָט נישט קיין זינען, פון מיר קען קיינער נישט אַנטרינען,
אַפילו נישט איך אַליין.

איז ווער איז ער פּאַרט,
אַט אָ דער, אַט אָ דאָרט, וואָס ער שפּאַנט
אייביק דורכן פענצטער, דורך גלאָז און דורך וואַנט,
און צעברעכט נישט דאָס גלאָז און צעברעכט נישט זיין קאָפּ,
און גאַנץ בלייבט די וואַנט,
וווהין און צו וואָס און צו וועמען
גייט ער אַזוי אייביק אַרויס פון די רעמען
פון אַלע שפּיגלען זינט עס שטייט די וועלט?

1958

(אַ רעמיניסצענץ פון פּרץ'עס
„דער משוגענער בטלן")

שורות וועגן יסורים און וועגן פּחד

אויסדוכטעניש, פֿאַרבלענדעניש
זענען אַלע זאַכן נאָר,
די גידין, די שס״ה, די אברים רמ״ח.
האַרט ווי שטאָל און שווער ווי בליי
איז נאָר איין זאַך: יסורים.

אויסדוכטעניש, פֿאַרבלענדעניש
זענען די געפֿילן אַלע.
ליבע איז אַפֿילו נישט קיין שפּיל,
וואָס איז דאָס ווערטלדיקע ליכטל צו דער שפּיל נישט ווערט.
אפשר איז האַס יאָ אַ שפּיל — אפשר.
הייס־האַרט ווי געגאָסן בליי אין האַלדז,
איז נאָר איין געפֿיל: פּחד.
אויסדוכטעניש, פֿאַרבלענדעניש
זענען אַלע אידעאַלן.
אַלע פֿליגל־שטרעקונגען זענען נאָר אַ שיין.

הויכע הימל־רוימען — זענען נאָר איבערגעקערטע תהומען,
נידערן — זענען איבערגעקערטע הייכן.
און דעריבער איז נישטאָ קיין פֿאַלן און נישטאָ דערגרייכן.
אויב אידעאַלן זענען עפּעס, זענען זיי דער ווילן,
וואָס טשאַטעוועט מיט פּחד און יסורים
לענגער זיך צו פֿילן, צו זיין.

אויסדוכטעניש, פֿאַרבלענדעניש
זענען אַלע דו׳ען, זי׳ען, ער׳ן,
אויך די רעטעניש, וואָס מיר רופֿן זי — גאָט.
אַלץ איז איך, איך, איך,
און דער איך איז — סוד.

איבער אַלע, אויסדוכטענישן און פֿאַרבלענדענישן,
איז דער אור פֿון דער וועלט,
אָבער דער אור איז נישט קיין תּוהו ובֿוהו,
דער אור איז אַ סדר פֿון מילי־מיליאָסן
ליניעס פֿאַרבלאָזט, גרויע,
די ווערטיקאַלן פֿון יסורים
און די האָריזאָנטאַלן פֿון פּחד,
די געדאַנק־אַטריבוטן פֿון דער סובסטאַנץ.

.1958

מעדיטאַציע וועגן אמת

איינזאַם איז דער אמת,
איינזאַמער ווי דער איך,
ווייל קיינער זאָגט אפילו זיך
דעם אמת נישט.
איינזאַם איז דער אמת,
אלע איך׳ן האָט ער קעגן זיך,
און דעריבער איז ער
קעגן אַלע איך,
כאָטש עס איז אמת, אַז ער
איז דער איינציקער פאַר אַלע איך׳ן.

איינזאַם איז דער אמת,
ווייל כאָטש ער איז דאָס געפינען,
איז ער אויך דאָס זוכן.
און כאָטש ער איז דאָס געפינען,
ווייסט ער, אַז אויך דאָס געפינען
איז נישט מער ווי דאָס זוכן
אין אַן אַנדערער געשטאַלט
פון אַן איך. אזוי ווי דאָס לעבן איז
אין אַן אַנדערן גילגול דער טויט.

איינזאַם איז דער אמת,
אין אַלע שטראָמען פון פאַר איז ער קעגן שטראָם.
ער וואַרפט זיך אין תהומען פון פייער,
ער וואַרפט זיך אין תהומען פון קאַלטן שפּאָט.
ער וואַרפט זיך אין דעם שטראָם פון גאָט,
און אויך אין דעם שטראָם — קעגן שטראָם.

איינזאַם איז דער אמת,
ווייל כאָטש ער איז די לעצטע געשטאַלט
פון אַלץ און אַל,
איז ער אַליין אָן אַ דמות.

דיאַלאָגן מיט דעם אין־סוף

אייבזאַם איז דער אמת,
אין דער גאַנצער קאַראַוואַנע פון חכמים,
זיינע רייטער און שטרייטער און פוס־באַגלייטער.
חכמה איז אַרום־זיי, פאַראויס־זיי, הינטער־זיי;
נאָר אין זיי איז בהלה;
פון אַלע קללות — די גרעסטע קללה —
זי זינגט אַן אייביקן זינג־זאַנג:
שטות, שטות, שטות.

איינזאַם איז דער אמת,
זיינע וועגן זענען בלויז וועגן, אייביק וועגן,
זיי האָבן נישט קיין צילן צו דערגרייכן,
אַלע וועגן פון דער וועלט זענען האָריזאָנטאַל,
נאָר די וועגן פון אמת זענען ווערטיקאַל
צום אום־ענד פון די טיפן און אום־ענד פון די הייכן.

איינזאַם איז דער אמת,
זיין סוף האָט נישט קיין אָנהייב,
זיין אָנהויב האָט נישט קיין סוף,
נישט אין גן עדן זיין אָנהייב,
נישט אין גיהנום — זיין סוף,
ער איז איינזאַם אין אַלע דימענזיעס
פון צייט און פון רוים,
טרוים איז זיין ממשות,
און ממשות — זיין טרוים.

איינזאַם איז דער אמת,
די לעצטע פאָרם —
און אָן אַ פאָרם,
אויסדריקן קען אים נישט קיין טראַקטאַט,
אויסזינגען קען אים נישט קיין שום ליד,
אין קיין שום לשון פון ייד,
אין קיין שום לשון פון גוי,
און אויך נישט אין לשון פון גאָט,
אויב גאָט וואָלט אַ לשון געהאַט.

אײנזאַם איז דער אמת,
װי אײנזאַם עס קען זײַן דער אַבסאָלוט,
װאָס אים איז אײביק באַשערט
צו לעבן אין רעלאַטיװ.
און זײַענדיק אַבסאָלוט
איז ער נישט שלעכט און נישט גוט
אין מהות.
און ער איז פּאָרט דאָס לעצטע און דאָס אײנציקע גוט,
און כאָטש אַלײן — אַזױ אַבסאָלוט,
װי אַ געאָמעטרישער אַקסיאָם,
איז דער אמת גוט װי אַ מענטשלעכע, װאַרעמע האַנט,
און ער האָט ליב דעם רעלאַטיװ
און ער איז צו אים טאָלעראַנט.

אײנזאַם איז דער אמת,
נישט צוזאַמען, נאָר אין דעם געטלעכן װעזן
איז ער געבױרן געװאָרן
אײביק צו זײַן אין דער אַנטיטעזע די טעזע,
און אין דער טעזע — די אַנטיטעזע.

אײנזאַם איז דער אמת,
נאָך אײנזאַמער װי דער איך,
כאָטש װאָס קען שױן אײנזאַמער זײַן װי דער איך?
און דאָך
איז דער אמת
אײנזאַמער נאָך.

געשריבן דעם 27־טן נאָװעמבער 1958

אַ בריוו צו מיין זון

ליבער זון מיינער,
קרוין
פון מיין לעבן, מיין זיין,
דאָס שרייב איך דיר דעם בריוו
פון דער שטאָט: דערגרייך —
און די דאַטע איז פשוט: שוין —
און דאָס לאַנד איז: קעניגרייך
לעצטע רו.
יאָ — דו פון מיין איך —
פון מיין איך — דו.

ס'איז וווּנדער איבער וווּנדער
לאַנד פון לעצטער רו,
לאַנד — פון אַלץ איז קלאָר —
ניין־טויזנט ניין־הונדערט
ניינציק און ניין
ענטפערס
זינגען שוין שירה אין מיר,
און פעלן פעלט נאָך
איינאיינציקער ענטפער
צו פולע
צען־טויזנט.
נאָר אויך דער וועט זיין קלאָר;
נאָך אַ שעה, נאָך אַ טאָג,
אַ חודש, אַ יאָר —
אויב גאָט וועט זיך נאָר
אזוי לאַנג נאָך מרחם זיין.

און אַן איינציקער גלוסט
איז נאָך דאָ אינעם האַרץ
אין דער ברוסט:
ס'איז דער ווילן
צו זיצן אַזוי זיך
אין וואַרעמען ליכט פון דער זון,

אויף מיין פּנים זאָל שפּילן
אַ שטראַלן־שפּיל
ביז צום טיפן האַרץ;
נאָר אין האַרץ איז שוין
שטיל.

אויפן טיש פאַר מיר
ווי דער למד־אות
אזוי דין,
זאָל שטיין אַ כוס
פון קרישטאָל
מיט וואַסער קלאָר —
און דער כוס זאָל דערמאַנען,
אַז אַמאָל, אַמאָל
איז ליכט געווען
דאָס ערשטע פון באַשאַף —
און דאָס צווייטע — וואַסער.
און אַז איך וועל אויסשטרעקן
צום כוס מיינע הענט,
זאָל ער זינגען — דער כוס,
דאָס הויכע געזאַנג
פון דערהויבענעם גאַנג
צוריק,
צוריק —
עלעמענט נאָך עלעמענט.

ליבער זון מיינער,
מיין קרוין,
דיין פאָטער איז שוין
געקומען צום סוף,
אָבער דער סוף
איז געקומען צום אָנהויב צוריק.
צוריק קומט דער שטראַל,
צו דער זון —
דאָס וואַסער צום קוואַל.

און אַט אַזוי וויל דיין פאָטער
שוין פאַרברענגען דעם רעשט
פונעם וואונדער פון זיין צייט,
וואָס צינדט זיך און — לעשט,
לעשט זיך און צינדט,
טאָג־אַרויס, טאָג־אַריין
מיט די לעצטע שטראַלן פון זיין.

ס׳איז אַן אייביקע שפיל —
און אַ טאַנץ די אָ וועלט —
איך אַרויס — דו — אַריין,
דו — אַרויס — איך אַריין,
דו און איך, איך און דו,
רו און אומרו, אומרו און רו.
ווי לאַנג איז דען ערשט
און געווען בין איך — דו
פון מיין פאָטערס איך —
און אַצינד —
דו ביסט מיין דו.
נאָך אַ יאָר און אַ יאָר
און דו וועסט זיין איך
אין דיין דו,
און דו וועסט זיין רו
און אומרו דיין קינד.

זון מיינער,
דיין פאָטער — דער דיכטער
פון אייביקן ניכטער —
איז שיכור סוף כל סוף,
ער איז שיכור מיט רו
און ער הויבט אויף דעם כוס
און ער טרינקט צו דער תיו,
צו דעם לעצטן אות — —
און ווי ער טרינקט אויס
דעם לעצטן שלונג —

עיקר שכחתי

גיט אַ שפּרונג
אויף זיין פּנים
אַן אַלף —
ווי אַ צעפּליגלטער פויגל פון ליכט,
אַן אַלף —
און שטראַלט — און שטראַלט.

און אין גוף ווערט אַ רגע קאַלט —
און עמיץ דעקט מיך צו
מיט רו —
ביסט דו עס — מיין דו?
איך גיב דיר איבער
מיין איך —
מיין זון —
און מאַך די אויגן אויף אייביק
צו — — —

.1960

ווו זענט איר מיינע טויטע?

אַ.

האָט געגומען בויערן — ווי אַ שווערער עגבער בויערט די ערד —
די נשמה מיינע
דער געדאַנק וועגן מיינע טויטע. האָב איך אַ נאַכט מיט אַ טאָג געקלערט,
און צו פאַרנאַכט האָב איך צו די הימלען, ווי דער מאַן אויפן צלם,
קוים געאָטעמט:
— ווו זענט איר מיינע טויטע? האָט אייך טאַקע צעפרעסן און פארדייעט
די ערד?

זענט איר טאַקע לחלוטין נישטאָ מער? אפילו נישט אין אַש און די
רעשטלעך ביינער,
וואָס ליגן אונטער די שטיינער פון אייער לעצטער דירה, אייער
מצבה־געצעלט?
הערט דער שטויב פון אייער גוף נישט מיין רוף? אויך נישט דער בשמהס
אָטעמען?
נישט אויף ד ע ר וועלט, און אויך נישט אויף יענער וועלט?
איך גיב אַ ריס פון די האַקנס פון די מחשבות די הענט צום מויל —הויך
צו שרייען:
טויטע מיינע! טאַטע־מאַמע, ברידער, געליבטע, פריינד און פריינד און פריינד!
זענט איר טאַקע נישטאָ מער? איר — פון אַלע נעכטנס, די אַמאָליקע,
אַלע מאָרגנס — די קומענדיקע, אויך איך — צווישן אייך, און איר טויטע
פון היינט?

ווו זענט איר? איז דען גאָרנישט דאָ קיין שפּאַרונע ליכט אין בלינדן פענצטער
צו אייער אַבסאָלוטן סוד? איז דען ערגעץ דאָ אַ טיר אין גאַנצן אָן אַ שלאָס?
און איר זענט הינטער איר? און אפשר זענט איר דאָ נאָך? און איך, נאָר —
באַשיידונג
זוך איך אין אַ ווינטלס ציטערן אין דער לופט, אין מורמלען פון אייער
קברס גראָז?

ווו זענט איר מיינע טויטע? — איר, וואָס זענט אייער לעבן לאַנג געווען
נענטער נאָך צו מיין נשמה — ווי צו מיין לייב דאָס העמד?
וואָס האָט איר זיך אָפּגעקערט פון מיר — איינגעשפּאַרט און פאַרביסן אַזוי?
מיט אַזאַ קאָסמישער פינצטערניש, איר, וואָס מענטשן ערשט? מיט אַזאַ
קאָסמישער פרעמד?
ווו זענט איר טויטע? ווו זענט איר? ביי וועמען דען זאָל איך פרעגן?
אויב נישט ביי אייך, מיינע טייערע און נאָענטע אַליין?

ב.

נאָך האָב איך גערעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער — און פּלוצעם איז געבליבן
דער ענטפער, ווי דער אמת, נאַקעט, פאַר די אויגן שטיין.

אַן ענטפער אָן ווערטער, אַן ענטפער אָן פאָרמען, אַן ענטפער אָן קלאַנגען,
אַן ענטפער אָן פאַרבן. ער האָט נישט געקלונגען, נישט געשיינט, נישט געבלויט,
ער האָט נאָר דורכגענומען די נשמה, דורך און דורך זי דורכגענומען:
— נישט דו ביסט אין לעבן און נישט זיי אין טויט.
זיי זענען נישטאָ אין די ערדנס איינגעווייד,
און דו ביסט נישטאָ אויפן פּנים פון דער ערד,
און ווען זיי וואָלטן גערופן: — ווו זענט איר, מיינע לעבעדיקע?
וואָלסטו זייער רופן אויך נישט געהערט.

ג.

און אַ רו איז געפאַלן אויף מיר, אַ רו ווי פאַר בריאת העולם,
רו פון אַ דריטן חלל — פון נישט הימל און נישט ערד,
דורך לעבן נישט געמאַטערט און דורך טויט נישט געפּייניקט,
און דורך זיך אַליין קלאָר ווי דאָס ליכט און אויפגעקלערט.
און אַלע מיינע טויטע און די לעבעדיקע אַלע
האָבן אויפגעשיינט דורך זיך אַליין אין אייגענער פּאָטענץ,
ווייל דאָס לעבן איז פאַרגענגלעך, ווי דער טויט איז פאַרגענגלעך,
און אומענדלעך, אומענדלעך איז די דריטע עקזיסטענץ.

און אין איר זענען אַלע איינס!

ד.

נאָר עס בלייבט דאָך פאָרט די אַלטע קשיא:
ווו זענט איר מיינע טויטע?
ווו זענט איר,
מיינע טויטע?
ווו
זענט
איר,
מיינע
טויטע?
ווו?

1956.

אַ לעצטע פאַמיליען־סצענע אין אַ שפּיטאָל

דעם שאָטן פון אַ טייערן פריינד,
דעם תלמיד חכם
ד"ר שמחה פּיעטרושקאַ ז"ל
(1950—1893)

דער דאָקטאָר איז באַר־וואָס אַוועק מיט אַ האַרבן פּסק־דין,
אַ שטומען פּסק דין אויף די דינע ליפּן.
אַלע האָבן אים געלייענט אין דער שטיל
און ביי יעדן האָט דאָס האַרץ זיך אַ וואָרף געטאָן,
ווי אַ דערשראָקענער פויגל אין אַ שטייג.
דער פּסק־דין איז געווען ווי אַ דיברה קורץ,
און ווי אַ דיברה — נישט צעטיילבאַר:
דער פּאַציענט איז אומהיילבאַר!

אַלע האָבן שוין געוווסט, וואָס עס מיינט דער פּסק דין:
די קרענק וועט זיך צעבליען אין דער טיף,
מיט וואָרצלען — שלאַנגען,
צווייגן — מיט פאַרסמטע פּירות
פון אייביקן בוים פון מענטשלעכן צער
אין אָט אָ דעם קראַנקנס אינגעווייד.
און דאָס ערגסטע איז, וואָס אויך
די איוב־יסורים פון דעם פּאַציענט
וועלן לאַנג מער נישט ציען.
יעדער טאָג וועט זיין מיט יסורים אָנגעלאָדן
אין אַריטמעטיש־פּראָגרעסיוון סדר.
עס וועט זיך פאַרמישן טאָג מיט נאַכט,
מעת לעת מיט וואָך.
היינט וועלן די יסורים זיין צוויי, מאָרגן — פיר,
איבערמאָרגן — אַכט — —
און אַזוי ביזן נאָענטן ענד.

אַלע האָבן דעם שטומען פּסק דין געלייענט קלאָר,
באַר איינער האָט גאָר און גאָר —
נישט וויסן געוואָלט — — — דער פּאַציענט.

און אַזוי ווי איך בין געווען דערביי —
האָט די משפּחה צו מיר מיט טרוקענע טרערן געוויינט,
און איבער דעם קאָפּ פון פּאַציענט
צו מיר זיך געווענדט:
העלף אונדז דו — אַלטער פריינד!

בין איך צוגעגאַנגען צום בעט,
פאַרטראַכטערהייט דעם חולה געטאָן אַ שטילן גלעט
און גלעטנדיק האָב איך אין זכרון צונויפ־
גענומען די קווינטעסענץ
פון טויזנט געלייענטע ביכער,
אויך דעם פאַרלויף
פון טויזנט שמועסן מיט דעם פּאַציענט, מיט וועמען
איך האָב אין לויף פון לאַנגע יאָרן
דורכגעזופּט הונדערט פילאָזאָפישע סיסטעמען.

איך האָב מיך טיף איינגעבויגן,
וויס, שניי איז געווען מיין פּנים — און נאָר מיינע אויגן
זענען ווי צוויי דערשראָקענע מייז
אויף מיין פּנים אַרומגעפלויגן.
פעסט האָב איך אָנגענומען די צוויי שטיקער אייז,
די הענט פון דעם איינגעשפּאַרטן פּאַציענט
און אַזוי דעקלאַמירט מיין טרייסט:

בעסער ווי דער בוים פון יסורים און לייד,
וואָס וואַקסט — גוטער חבר אין דיין איינגעווייד,
וועט דאָך זיין די קילע, שטילע ערד.
זי וועט דיך אין פרילינג אויף בלומען פאַרוואַנדלען,
דו וועסט וואַקסן אין דער זון און צו דער זון,
און דו, דו אַליין, דיין איך וועט וויסן דערפון — — —
ווייל ווער נאָך, ווי דו, ווייסט עס אַזוי גוט,
אַז סובסטאַנץ
האָט נישט קיין אָנהויב און נישט קיין סוף,
און אַז אויסשפּרייט איז פּונקט אַזאַ אַטריבוט,
ווי געדאַנק.
אין די בלומען וועסטו וואַקסן אַן אייביקייט, זיס און לאַנג.

דיאַלאָג מיט דעם אין־סוף

און בינען איבער דיר מיט האָניק־געזאַנג
וועלן זשומען און זשומען,
און זינגענדיקע פייגל וועלן קומען
און פליען איבער דיר אַ באַפליגלטן קראַנץ —
און דו וועסט אין מיטן דער סימפאָניע דרימלען
און פילן: בלומען — האָניק — געזאַנג —
אונטער דעם בלוי פון אומענדלעכע הימלען — — — —

און איך בין געוואָרן אַנטשוויגן.

און אַז איך בין געוואָרן אַנטשוויגן,
האָבן אַלעמענס אויגן — ביז איצטער טויט־קאַלט —
מיט טריומף זיך צעשטראַלט.
ווייל אַלע האָבן אין מיינע ווערטער געפונען אַ טיפע טרייסט,
און זייער יאוש האָט זיך
אין שטראַלנדיקע טרערן אויפגעלייזט.

און נאָר דער פּאַציענט איז געבליבן האַרט און איינגעשפּאַרט.
ער האָט מיט זיינע תכריכים־ווייסע הענט אָוועקגעשאַרט
זיין פרוי, די איידעמס, די טעכטער, און — ווי מען פאַרלעשט אַ ליכט —
האָט ער גאַנץ אומגעריכט
אַ קנאַל געטאָן מיט צוויי פינגער
און פאַרלאָשן דאָס נאָר־וואָס אָנגעצונדענע שטומע טרייסט־געוויין.
ער האָט זיך אויפגעזעצט, זיך אויפגעהויבן פון בעט אַפילו,
אַ שאָקל געטאָן מיט דעם קאָפּ רעזאָלוט אין דער ברייט: ניין!!!

אַלע זענען איצט געשטאַנען, ביז די וואָרצלען פון די האָר דערשראָקן,
ווי — נישט זייער פאָטער, נאָר אַ טויטער,
וואָלט פּלוצלונג אָנגעטאָן די זאָקן
און גענומען גיין. — — —

דער פּאַציענט האָט אַ קוק געטאָן אויף אונדז,
העכער און העכער אויפשאַרצנדיק די הויט פון שטערן —
דייטלעך זענען געוואָרן די ווירעס פון די שטערן־קאַרבן —
און פינצטער־איינגעשפּאַרט האָט ער אַ זאָג געטאָן:
וואָס ווילט איר מיך אַריין און טרייסט מיך אַריין אין שטאַרבן?

עיקר שכחתי

און אַלעמענס אויגן האָבן זיך איצט
דערשטוינט אַן עפן געטאָן ווי באַלויכטן מיט עפּעס אַ ווייטן ליכט,
און עס האָט אויפגעבליצט
פאַר אַלעמענס אויגן איין שטראַל — אַזוי דין,
ווי אַ פאָדעם־געוועב פון עפּעס אַ הימלישער שפּין —
און אַלע זעען דייטלעך ווי די ווייסע הענט
פון דעם אויפגעשטאַנענעם, אַנגעטוענעם פּאַציענט
כאַפּן זיך אָן אין דעם בלויען פאָדעם — און בלאַס
גיט זיין פּנים אַ שמייכל:
— אָבער איך וועל אייך פאַרגעבן....
איך גיי אַראָפּ אין גאַס,
זייט מיר געזונט און שטאַרק!
צום ווידערלעבן!

איצט זענען אַלע אונדזערע פּנימער געוואָרן רויט און רויטער
פון עפּעס אַ פינצטער זיך־שעמען...
רויטער, נאָך רויטער ווי בלוט פון סאַמע האַרץ, רויט — אַזש שוואַרץ,
מיר האָבן קוקן נישט געקענט
איינער אין אַנדערנס אויגן
און געקוקט, געגלאָצט אויף די ווענט
און געזען ווי עס קרישלען זיך אין זיי
און פאַלן אַראָפּ אַלע פילאָזאָפישע סיסטעמען —
טויט פאַרן בליק פון דעם ווילן צו זיין
איך —

און פּלוצעם אויף דער גאַס אַ געשריי —
מיר האָבן אַלע אַ לויף געטאָן און צונויפגעדריקט
אין דעם פענצטער־רעם אַלע אונדזערע קעפּ
און געזען דאָרט אונטן
ווי מען טראָגט אויף די שטיינערנע טויער־טרעפּ
פון שפּיטאָל — אַ טויטן מאַן.

געשריבן אין 1950.

פיוטים וועגן גאָט און מענטש

אין גרויסן פּאַראַנען
זענען צוויי פּאַראַנען,
ער — גאָט איז פּאַראַנען,
איך — מענטש איז פּאַראַנען.

אין זייער אײַנזאַמען
זײַן
זענען זיי אַליין
און זענען צוזאַמען,
ווײַל אַן אײַנזאַמקייט
איז נאָר איינע
דאָ.

און דאָך,
אַנדערש אײַנזאַם איך
אויף מײַן שטויבעלע פּערז,
אַנדערש אײַנזאַמט ער
אין אוניווערס.

אײַנזאַמענדיק זוכט זיך
אַ דו,
ער זוכט אים אין גאָט,
ער זוכט אים אין מענטש,
אָבער קיינמאָל האָט, קיינמאָל נאָך
איך געפונען דו.

און אײַנזאַמענדיק זוכט גאָט
אַ דו אין מענטש,
ער וואָלט אים געזוכט אין אַ גאָט,
נאָר ער ווייסט,
אַז אַ צווייטער גאָט איז נישטאָ.

איך האָט אַ דו
אין אַ צווייטן איך,
און אין גאָט,

ער ווייסט עס, כאָטש קיינמאָל קען ער נישט זאָגן:
איך האָב דיך דורכגעדרונגען
מיט מיין געדאַנק,
איך האָב מיך דערזונגען
צו דיר
מיט מיין נשמה׳ס געזאַנג,
איך האָב דיך אָנגערירט
מיט מיינע הענט,
איך האָב דיך דערקענט.
אָבער דער מענטש האָט אַ דו.

איך — מענטש קען זאָגן:
איך ווייס, אַז איך וועל נישט דערקענען,
נאָר איך קלאַמער
מיך אָן דעם געדאַנק.
גאָט איז איינזאַמער.

און ווייל גאָט איז אַיינזאַמער,
ווי מענטש, ווי איך —
לאָמיר זיין מיט אים
אין דער אייביקייט פון זיין צער,
לאָמיר אים ליב האָבן,
ליב האָבן דערפאַר.

לאָמיר אים ליב האָבן
זיך טוליען צו אים
נשמה צו נשמה,
לאָמיר דאַווענען צו אים
בקול דממה,
גוף און זעל,
טיף ביז דער טיף פון אין סוף,
הויך ביז דער הויך פון אין סוף,
אינטע —
לעקטועל —
אַמאָר דעי אינטעלעקטואַליס.

דיאַלאָגן מיט דעם אין־סוף

לאָמיר זיין אין אונדז
מיט אים צוזאַמען,
לאָמיר אים העלפן אין אים
מיט אים צו איינזאַמען,
לאָמיר קישן זיינע מידע פליגלען
אין אַזאַ מין תפילה
אין גאַנצן אָן ווערטער —
אַפילו די שטילסטע פון שטילע.

אין גרויסן פאַראַנען
זענען צווי פאַראַנען,
ער איז פאַראַנען
און איך איז פאַראַנען.

נאָר אַז איך ווער ט
אומעט — אומעט — אומעטיק,
קען ער זיך אַריינוואַרפן
ווי אין אַ ים פון געזאַנג
פון גליק
אין געדאַנק
פון טויט.

אָבער גאָט ווייסט, אַז ער
מוז אייביק זיין,
ווייל אַזוי האָט ער זיך
באַשאַפן אַליין —
מוז ער אַזוי שוין אייביק אַליינען.

לאָמיר גוט זיין צו גאָט,
לאָמיר אים מיט אונדזערע איכן,
און אונדזערע דוען
גרינגער מאַכן דאָס רוען
אין די קאָסמישע וואָלקנס
פון די אַליינען —

עיקר שכחתי

לאָמיר מיט מענטשלעכן רחמים
אויף גאָטס פינצטער־ליכטיקן מזל
וויינען און וויינען —
ווייל ווי ביטער אונדז איז,
איז אונדז זיסער פון אים,
מיר קענען כאָטש מיינען,
אַז מיר קענען אַנטרינען
פון זיך און שטאַרבן —
אָבער גאָט קען אַזאַ מין העלע טרייסט
קיינמאָל נישט קומען אין זינען —
און גאָט
ווייסט
אַלץ.

יוני 1959.

אַ בן זקונים נאַקעט ליד

פאַרוואָס האָסטו גאָט אונדזער הערלעכן גייסט,
וואָס איז פריי ווי די פריי, און שיין ווי די שיינקייט אַליין,
אין תפיסה געוואָרפן פון אונדזער גוף,
גרויזאַם פאַרקראַטעט מיט אונדזער געביין?

פאַרוואָס האָסטו גאָט — אונדזער ליכטיקן גייסט,
וואָס איז קלוג ווי די חכמה, ווי די גוטסקייט גוט,
פאַרשפּאַרט אין אַ פעסטונג פון דעמפּיקן פלייש
מיט ריוועס אַרום — פולע אָדערן בלוט?

פאַרוואָס האָסטו גאָט אונדזער בענקשטפט צו דיר
פאַרקנאָטן מיט בלוט אין דעם פליישיקן טייג?
און אין אומגלייכן קאַמף פון גוף און פון גייסט
פאַרפּלאָנטערט ווי אין אַ דזשונגל־געצווייג?

צי דו נאַרסט זיך אַליין, גאָט, ווי ד'האָסט שוין אַמאָל
געזאָגט צו זיך נאַריש דעם באַרימטן „כי טוב" —
צי אונדז ווילסטו נאַרן, זיך גרויסן פאַר אונדז
מיט אוניווערסאַלן, קאָסמישן בלאָף?

צי פאַסט דען נישט בעסער פאַר דיר און פאַר אונדז —
שטאָט צוהאַלטן אונדז אויף אָט דעם געקלעב,
צו פלי'ן מיט אונדז בעסער אין אַלוועלט אַרום
אין גוף'לאָזן צווישן־שטערן־געשוועב?

.1947

פיר גורלדיקע שאלות און תשובות

זי גיט עס נישט צו,
נאָר זי גייט, זי גייט —
די וועלט,
איר לעצטן, גורלדיקן וועג.

שטייט א יידביים ראַנד
פון דער וועלטס לעצטן וועג.
דער ייד בין איך,
און איך פרעג
נאָך אַלץ:

אַלע יאָרן זענען טאַקע געקומען שוין
צו דער גרעניץ פון לעצטן יאָר,
אַלע ענטפערס צום לאַנד
פון אָנשטעל: אַלץ קלאָר.

וואָזשע טויג צו פרעגן מערער?
אַלץ איז דאָך פאַרענטפערט שוין
און גאָרנישט קען ווערן קלערער.
נאָר פאָרט פרעג איך ווייטער.
(ביי וועמען פרעג איך?)
ביי דיר, ביי זיך, ביי אים?
(ווער איז: דיר? ווער איז: אים?)

זיי מיר מוחל, געפרעגטער קיינער,
שטאָט דיך צו רופן אַבסטראַקט,
וועל איך דיך רופן קאָנקרעטער,
און שטאָט דיך צו רופן רבים,
געטער —
(און אפשר איז דאָס דער אמת)
וועל איך דיך רופן: גאָט.

און די ערשטע שאלה וועל איך דיך פרעגן,
אַרויף פון מיין טיפסטער נשמה־נויט:

דיאַלאָגן מיט דעם אין־סוף

צי,
אַז איך וועל שטאַרבן,
וועל איך טאַקע אויך זיין טויט?

און איך זאָג דיר צו, גאָט,
אַז אויב דו וועסט באַשיידן
מיר דעם סוד
פון אַלע סודות,
וועט ער בלייבן סוד
צווישן דיר און מיר,
אונדזביידן.

און די צווייטע שאלה וועל איך דיך פרעגן:
און אַז איך וועל נישט טויט זיין
נאָך מיין שטאַרבן,
און נאָר דער גוף וועט
אויף אַש זיך פאַרבן,
און די ביינער
צו שטויב פאַרדאַרבן
נאָך מיין לעצטן לעבנס־שריט,
דער לעצטער שורה, וואָרט און אות
פון מיין לעצטן ליד,
דעם לעצטן טראָפּן
אין לעצטן כוס,
צי,
וועל איך, טאַקע איך,
מוזן ווידער אָנהייבן אויפסניי
פון ערשטן אות,
און וואָרט, און שורה
פון ערשטן פערז,
ווידער פון ערשטן טראָפּן
אין ערשטן כוס?

איז דען דאָ אין גאַנצן אוניווערס
אַזויפיל צייט?
און אין איין איינציקן קליינעם איך
אַזויפיל גבורה?

אָנהויבן טויזנט מאָל טויזנט מאָל
פון ערשטן אות אין דער ערשטער שורה?

און וועל איך ווידער מוזן
אויף דער ליכטיקער שיין
פון דעם נייעם וועג פון די וועגן
אַרויס פון מיין ערדישער פינצטערניש גיין
און נאָכגיין דעם טויבן רוף
אין אינהאַלט פון גייסט,
און דער פאָרעם
פון גוף,
ווי עס גייט אַ בלינדער וואָרעם
אַרויס פון דער שוואַרצער ערד
נאָך אַ וואַרעמען פרילינגס־רעגן?

אַרויסגיין און גיין און גיין
אַ יאָר־מיליאָן
אויפן בויך,
און שפּעטער אויף און אויף,
ביז ווידער דער העכסטער הויך?

און די שאלה האָט געבוירן אַ קינד אַ שאלה,
און די קליינע שאלה וויל וויסן אויך,
צי,
ועט זיך נאָך דער רגע פון מיין שטאַרבן ווענדן
צום ליכט,
דער סוד פון מיין טאַטנס לענדן,
און מיין מאַמעס טראַכט:
פאַרוואָס האָב איך זיך אָנגעהויבן,
און נישט קיין אַנדערער
וועלטן־וואַנדערער,
אַנדערער איך,
אין יענעם בעט,
אין יענעם שטעטל,
אין יענער נאַכט?
דאָס מיקראָסקאָפּישע פייכטע שרעטל —

װען מײן טאַטע
(װער איז ער?)
איז געװען מיט מײן מאַמען
(װער איז זי?)
אײן רגע אײנס און צוזאַמען?

אַלע שאלות זענען װײט פון געעקט,
און איצט איז אַ שאלה דאָ,
אַ דריטע,
דירעקט
צו דיר:
צי,
אַז מיר װעלן זײן
דו צו איך און איך צו דו,
בליק אין בליק,
צי װעל איך דעמאָלט בלײבן איך
און דו בלײבן דו?
צי איז די װעלט גאַנץ,
אָדער איז זי נאָר שטיק?
און אפשר אַ שטיק פון אַ שטיק?
צי מוז זי זײן אײנס, אָדער קען זי זײן צװײ?

װײל אויב אײנס איז דער־אמת,
װײל אויב אײנס איז אַל׳,
איז דעמאָלט דאָ נאָר אײן אײנציק רעכט
פון איך,
פון אײנס —
און דעמאָלט איז נישטאָ קײן מאָראַל,
װײל אײנס צו אײנס איז אײביק גערעכט.

אָבער אויב ס׳איז אין דער װעלט דאָ צװײ,
איז אויך דאָ אַ חילוק צװישן גוט און שלעכט,
װײל אײנס צו צװײ קען נישט זײן פּאַסיװ,
נישט זײן,
װי שטײן איז צו שטײן —
װײל אײנס צו צװײ מוז אין דער טיף

פון האַרץ און פון בלוט און פון גאַנצן מהות
פילן אהבה,
אָדער פילן שנאה.
און דעמאָלט איז אויך דאָ אַ מאָס און אַ וואָג,
און דעמאָלט איז אַ חילוק צווישן שלעכט און גוט,
ווי אַ חילוק איז צווישן וואַסער און בלוט,
צווישן נאַכט און טאָג.

און נאָך דער דריטער שאלה
זענען לאַנגע רגעס אַוועק,
און אין האַרץ האָט געפלאַטערט האָפענונג,
און אין האַרץ האָט געציטערט שרעק,
די האָפענונג האָט דאָס האַרץ צוזאַמענגעהאַלטן
און די שרעק האָט עס נאָכאַנאַנד
צעריסן און צעשטיקלט —
און איך בין שטום געשטאַנען ביים ראַנד
פון דעם לעצטן וועג,
און לאַנגזאַם ווי דער נעפּל פון טייכן
אין קילע פרימאָרגנס האָט זיך געוויקלט
צו קלאָרן הימל
די לעצטע גורלדיקע שאלה.

און די פערטע שאלה
וועל איך זי פרעגן
אין דער גורלדיקער שעה פון די שעהן,
ביים גורלדיקן וועג פון די וועגן,
ווען די איינזאַמקייטן
מיט שוואַרצע שנאָבלען
פּיקן און פליקן מיין נשמה,
ווי די פינצטערע קראָען.
יאָ — וויסן וויל איך,
אפשר קענסטו דאָס דערקלערן,
פּשוט ווי צוויי־מאָל צוויי — פיר
(איז צווימאָל־צוויי פּשוט, צוויי און צוויי — פיר?)
און צי איז אויך די אייביקייט
פון אַלע אייביקייטן
צעטיילט אזוי,

דיאַלאָגן מיט דעם אין־סוף

ווי די איצטיקייט פון אַלע איצטיקייטן,
אויף ייִד און אויף גוי?
און אויב עס איז אַזוי
אין דעם עולם פון וואָר,
מוז דאָך דאָרטן
אויכעט זיין קלאָר,
צי איז דער גוי
געשאַפן פאַרן ייִד,
אָדער איז ייִד געשאַפן
פאַרן גוי?

און נאָך די פיר שאלות
האָב איך מיך אַרום און אַרום
געווענדט
צו מזרח, דרום, מערב און צפון —
און צוריק
צו צפון, מערב, דרום און מזרח —
אָבער זיי זענען געבליבן
ווי אַלע מאָל שטיין,
און ווי אַלע מאָל
בלניד און טויב און שטום,
אַרום און אַרום.

נאָר אַז די לעצטע שאלה
איז געווען שוין געפרעגט
און אין יידישן כתב פאַרשריבן
אין די צעשויבערטע פערזן
פון אָט דעם ליד,
און אַז צו פרעגן איז טאַקע מער גאָרנישט געבליבן,
ביי קיין שום געטער,
אין קיין אוניוועריסן,
האָט פלוצלונג
פון ערגעץ אַ טיף
אַ צווייטער איך —
(ווער איז ער, ווער,
דער צווייטער איך?

דער ייד אין גוי,
אָדער גוי אין ייד?)
הינטער מיין רוקן זיך הויך צעלאַכט.
אַזוי זיך צעלאַכט,
אַז אַ ציטער געטאָן
האָבן די ויילן פון דביר
פון דער נאַכט,
אין וועלכער איך זיץ
און שרייב פון מיר צו מיר
דאָס ליד.
אַזוי האָט ער געלאַכט.

און געווען איז שוין די דריטע אשמורה
און מיך האָט אַרומגענומען
אַ מורא
צו טאָן זיך אַ קער
און זען,
ווער איז ער — ווער?
און פאַרוואָס איז זיין לאַכן?
וואָרום טאָמער איז ער טאַקע דאָ —
בין איך דאָך נישטאָ?
און אפשר נאָך מער מוראדיק:
מיר זענעןביידע דאָ?

און ער,
דער לאַכער,
האָט נישט נאָר געלאַכט,
נאָר ער האָט אויך ווערטער געזאָגט:
איך בין — ווער איך בין,
און דו ביסט — ווער דו ביסט, —
און ווער דו זאָלסט נישט זיין,
ביסטו
אומהיילבאַר,
דער יידישער פרעגנדיקער נאַר.

און ער האָט גערעדט און גערעדט,
ווערטער, קאַלטער האָגל,
ווערטער, הייסער שרויט:
ווען דו וועסט שטאַרבן,
וועסטו נישט זיין טויט,
איז וואָס?
און וואָרעם וועסטו זיין ווידער,
ווען דו וועסט שטאַרבן,
אַפילו, אַז מען וועט דיין גוף פאַרברענען —
אויסמיידן וואָרעם־זיין
וועסטו נישט קענען.
איז וואָס?
און עס איז נישט קיין חילוק
צווישן גוט און שלעכט,
גערעכט און אומגערעכט,
וואַסער און בלוט,
איז וואָס?
און דעם סוד פון דיינע טאַטע־מאַמע
וועסטו קיינמאָל נישט וויסן,
און אין אַלע אייביקייטן וועסטו נישט מיד־זיין
ייד־זיין, ייד־זיין, ייד־זיין
און פרעגן שאלות
און אַליין אויף זיי ענטפערן.

און ער האָט נאָך איין לאַך געטון
און אויפגעהערט,
און נישט געוואָרן,
כאָטש דער הימל האָט אים נישט אריינגענומען
און נישט פאַרשלונגען די ערד.

און דעמאָלט האָט אין מיר רעדן גענומען
אַ קול.
ער?
איך?
אָט אַזוי:

אַט אַ דאָ צעגייען זיך
אונדזערע וועגן,
אייביק:
איך בין די תשובה,
דו ביסט דאָס פרעגן.
איך בין דער טאָג, דער בלויער
פון ענטפער,
דו ביסט דער טונקעלער טרויער,
די נאַכט פון פרעגן.
איך בין דאָס לאַכן
מיט ווייסע ציין,
און דו ביסט געזאַלצענע, גלאַנציקע טרער,
דאָס געוויין.
איך בין דער ניגון, דער גאָלדענער, קלאַנגיקער,
דו ביסט דאָס וואָרט
פון דעם ליד.
דו ביסט דער אינהאַלט,
איך בין די פאָרעם,
איך בין דאָס גליען,
דו ביסט דאָס אייז,
דו ביסט די ליניע
און איך בין דער קרייז.
דו ביסט די איינס
און איך בין די צוויי,
דו ביסט דער מאָרגן
און איך בין דער היינט.
איך בין דאָס בלוי
און דו ביסט דאָס שוואַרץ.
איך בין דאָס בלוט
און דו ביסט דאָס האַרץ.
איך בין דאָס לעבן
און דו — — —

נאָר דאָ האָב איך מיך אויפגעשטעלט
און אַ ריס געטאָן די וואַנט פון דער נאַכט.

און אַריינגעשריגן אין דער וועלט:
איך בין דאָס לעבן
און דו ביסט דער טויט —

און געבליבן איז אַזוי,
ווייל דערווייל האָט שוין דער מאָרגן געגרויט —
אָבער נישט פאַרענטפערט זענען געבליבן
די שאַלות צווישן ייד און גוי,
און גוי און ייד.

און זאָל דאָס דערווייל בלייבן אַלץ דאָ פאַרשריבן
אין דעם דאָזיקן קיינמאָל נישט פאַרענדיקטן ליד.

1958.

קריאת שמע

עס איז דאָ אַזאַ טרויער,
וואָס איז טיפער ווי דאָס וויינען —

עס איז דאָ אַזאַ צער,
געזאַלצענער ווי די טרערן —

עס איז דאָ אַזאַ איינזאַמקייט,
וואָס איז איינזאַמער ווי דער
טויט —

עס איז דאָ אַזאַ יאוש,
מער מוראדיק, ווי די רגע פון דערטרונקען ווערן —
און דער טרויער,
דער צער,
די איינזאַמקייט,
דער יאוש —
קומען יעדע נאַכט צו מיר, קומען אַלע פיר
און שטעלן אַרום מיין געלעגער שטום;
מימיני דער טרויער,
משמאלי דער צער,
מלפני די איינזאַמקייט,
ומאחורי דער יאוש —
ועל ראשי די פינצטערע שכינה — —

און אַ מראה אַנטקעגן מיין צוקאָפּנס,
דיין פּנים — ברודער מענטש —
דער זעלבער —
ווי נעכטן — היינט,
ווי מאָרגן — היינט,
ווי היינט — היינט —

און דעמאָלט הויב איך אויף מיינע אויגן
צו דער פינצטערער שכינה.

דיאַלאָג מיט דעם אין־סוף

און מיט טרויער, ווי דאָס וויינען טיפער,
מיט צער, ווי די טרערן געזאַלצן מער,
מיט יאוש, מער מוראדיק ווי דאָס דערטרונקען־ווערן,
מיט איינזאַמקייט — איינזאַמער ווי דער טויט —
זאָג איך קריאת שמע:
טרויער,
צער,
איינזאַמקייט,
יאוש,
זייט צו מיר גוט,
כאָטש אַ שעה אין דער נאַכט,
כאָטש אַ מינוט —
און זיי זענען געווען צו מיר גוט,
און איך האָב מיך דערטראַכט
צום זינען פון אַבסאָלוט
און אַבסאָלוטער נאַכט:
ששש —

נאָוועמבער 1961.

עיקר שכחתי

מיט אַ שטילן ניגון צו זיך אַליין

אוי די וועלט, די וועלט — אוודאי איז זי שיין,
קיינמאָל בעסער, קיינמאָל ערגער; סתם אַזוי, אין אַלגעמיין — גוט.
נאָר איך האָב צו איר שוין מער נישט קיין מוט.

זי איז, ווי זי איז, ווי תמיד געוועזן און וועט זיין.
ווי גאָט האָט זי געשטאַלטיקט און געשאַפן קלוג, אוי ווי קלוג!
נאָר איך האָב די וועלט שוין געהאַט גענוג, אוי ווי גענוג!

זי איז וווּנדערלעך — די וועלט. גאָט איז, ווי ער איז פאַנטאַזיאָר און פּאָעט.
יעדער מענטש איז בצלמו — יעדעס וואָרט זיינס אַ ליד;
נאָר איך בין שוין פּשוט פון די לידער זיינע מיד, גלויב מיר — מיד.

ס'איז אַ וועלט פון קריג; מיט אַ זין, אָן אַ זין, אַבי נאָר — קריג.
אַמאָל הרגעט ער אים און אַמאָל אים הרגעט ער.
וואָזשע טו איך דאָ אין די בלוטיקע בלאָטעס? איך דאַרף עס נישט מער.

איך קום נישט מיט אַ טענה. פאַרוואָס, פאַרווען, פאַרוועך?
איך האָב מיינס געהאַט אין מיין לעבנס־זשלויב. און מער ווי צו זעט:
און ווי צו דער מאָס פון אַ בידנעם יידישן פּאָעט.

איך וויל לייענען קריאת־שמע — לייענען און אַוועק אין מיין רו,
ווו די שטילקייט באָדט זיך אין ליכטיקייט.
איך האָב אַלץ שוין געהאַט. אַלץ. ס'איז געקומען מיין צייט —

איצט וויל איך שוין טועם זיין די אייביקייט.
נאָר — ווער ווייסט, ווער ווייסט — וואָס פאַר אַ טעם זי האָט...
און וואָס וועט דעמאָלט זיין, דו קלוגער, נאַרישער, בייזער, גוטער גאָט —

טאַקע — וואָס?...

אויגוסט 1955

כי

בנו

בחרת

נאַכט פון תחנון און בטחון איבער תל־אביב

...און געווען איז דאָס אַ נאַכט
פון יענע נעכט אין תל־אביב,
ווען ס׳קומט קיין שלאָף נישט צו אויגן יידישע,
וואָס שפּיזן חשכותן
ווי שויבן דורך,
און הערן שייכותן
אין יעדן שאָרך
פון צייט און רוים.
און זעען קלאָר די קאַלטע גרענעץ,
קאַלט, ווי אייז, און גלייכגילטיק ווי טויט —
צווישן וואַך און טרוים.

אַ נאַכט פון יענע נעכט,
ווען רו אַנטשפּרינגט פון אַ יידיש האַרץ;
אַ הערש — אין טויט־שרעק־געאייל,
הינטער אים געפייף פון פייל נאָך פייל.
זיינע אויערן אויסגעצויגן, איינגעלייגטע פליגלען,
די הערנער אין דער נאַכט אַריינגעשטויסן —
און די נאַכט האָט מיך אַ רוף געטאָן אין דרויסן.

* * *

איך האָב מיך איינגעהילט אין די לעצטע, דינע, ווייסע האָפענונגען מיינע,
פון געלעגער אויפגעשפּרונגען
און אַרויס אויף דעם באַלקאָן.
די שטיינער, די שטילע
האָבן געגלעט מיינע באָרוועסע פיס
מיט די פלאַכן, די נאַכטיק־קילע.

און ס'איז מיך באַפאַלן אין זיך
עפּעס אַ ביטער לאַכן,
ווייל איך האָב געטאָן אַ טראַכט:
זע — אויך דו,
פּונקט ווי אין דער מגילה —
בלילה ההוא,
אין יענער נאַכט,
נדדה — האָט זיך אָפּגעטאָן,
שנת המלך — דער שלאָף פון דעם מלך — —
נאָר ווער וועט מיר לייענען אַ דברי הימים?

* * *

ווי אַ מאַמע, וואָס טוליעט דאָס לעצטע קינד אירס,
ווען אין שטאָט גייט אַרום די קינדערפּעסט,
האָט די שטילקייט געטוליעט די שטאָט
פעסט צו איר ברוסט און געמורמלט
מיט דינע מולד־ליפּן,
זילבער־ווייס פון זאָרג און שרעק —
איר תּפילה, איר סוד
אין די אויערן פון גאָט.

מיט לעצטע, שטילע זיפצן האָט געאומרויקט נאָך
דאָס קינד, די שטאָט,
די יינגסטע פון אַלע ייִדישע שטעט,
די אויסגעבעטענע אין לעצטער האָפענונג,
מיזינקע תּל־אביב.
און שוין האַלב אין שלאָף
געשעפּטשעט — לילה טוב — — —

האָט אין יענער רגע פון די דרום־מערב־הימלען, פון יפוער נמל,
אַ פייף געטאָן אַ שטראַל
פון קלאַנג און רעש;
אַ גרוס פון ווייטע וועלטן־ברידער,
אָנשווימענדיקע מיט אַ שיף.
אָבער די מיזינקע אין דער מאַמעס אָרעמס
איז שוין געווען אין שלאָף פאַרזונקען טיף.

צוויי שאָטנס אונטער מיין באַלקאָן,
אַ סאַברע־ייִנגל און אַ סאַברע־מיידל.
האָבן, קלאַנגלאָז און פלינק
זיך צעזעגנט,
ער האָט שוין פון ווייט אַ חוצפּהדיקן פייף געטאָן,
זי איז ביי איר פענצטער שוין געשטאַנען, ווי אויף פליגלען גרינג,
עס אַ צינד געטאָן,
און ס׳ליכט האָט, ווי מיט דינעם נאָדלשפּיץ
אויפן שוואַרצן טאָוול פון דער נאַכט
געטאָן אַ העלן קריץ.

ווילד און גיך און רעשיק, דורך די שלעפעריקע גאַסן,
גיט אַ וואַלגער זיך שווער־ליידיק און שווער־לייביק דער לעצטער אויטאָבוס
און רעדערט גיך זיין גרוס:
להתראות
מאָרגן אין די קליינע שעהן, ווען אפילו גאָט
וועט שלאָפן נאָך —
נאָר קיינער ענטפערט שוין נישט מער.

ערגעץ אין אַ שוואַרצן גאָרטן, אונטן
אין געדיכטע ביימערקרוינען,
שוועבן שאָטנדיקע, שטנדיקע פלעדערמייז,
וואָס וווינען
אין די צווייגן מחנותוויז,
אויפגעשראָקענע פון לעצטע, שאַרפע ווערטער פון אַ פּאָר,
וואָס באַהאַלט זיך, פּונקט ווי זיי,
צוליב אַ סודותדיקער סיבה,
אין דער פינצטערניש
מיט זייער ליבע.

אויף אַ ווייטן לעצטן, איינזאַמען, ליכטיק נאָך געבליבענעם באַלקאָן,
ווי אַ לאָמפּ
אויפגעהאַנגען אויף דער וואַנט פון דער נאַכט,
לייגט עמעץ צונויף אויסגעשפּילטע קאָרטן
און גענעצט אַרונטער
אין פינצטערן גאָרטן,

עיקר שכחתי

ווו צווישן שלאָפנדיקע רייעןביימערקעפּ
שימערן קוים, קוים
שיטערע שטעפּ
פון קליינע גאַס־לאָמטערנעס.

איינגעטונקען אינעם טונקל האָט די וועלט זיך —
און נאָר ערגעץ אויפן ראַנד,
ווייט־ווייט, אַזוי ווייט,
אַז אפשר שוין אין אַן אַנדער לאַנד,
נאַכטיק לויערנדיק מיט חשד,
ראַדיאָ־טורעמס לייכטן,
רויט
געצונדן,
שטערן מיט בלוטנדיקע ווּנדן;
און ווינקען און וואָרענען, אַז נישט אָפּגעשאָפּט איז נאָך
פון דער וועלט דער האַס פון ברידער,
וואָס איז נאָך פינצטערער ווי פינצטערסטער טויט.
און דערווייל קומט נענטער חצות
און אַלץ האָט אַן אַנדער פּנים באַקומען.

איך האָב אַ זוך געטאָן אין הימל דעם מולד און האָב אים נישט דערקענט;
ער האָט שוין אויסגעלויכטן, זיין ליכט האָט אויסגעברענט,
ער שעפּטשעט מיד
ווי אַ שטאַרבנדיק מויל, און עס ציט
אים דאָס ווייטע געלעגער פון ים צו זיך;
און איידער ער שטאַרבט, אַ רגע פאַר חצות,
ווערט ער מגולגל אין אַן אור פון אַן אות,
וואָס איז געווען אויף דער וועלט נאָך איידער אלף;
אָט איז עס אַן אויסגעצויגענער סערפּ,
אָט איז עס אַן איינגעהויקערטער חלף —
ש־ש־ש...

★ ★ ★

און אַז תל־אביב איז אַנטשלאָפן געוואָרן
און דאָס אײביג האָט מער גאָרנישט געזען —
האָט זיך אויפגעכאַפּט דער מידבר, די אור,
וואָס דאָ איז אַמאָל אויפן ברעג געווען.

דער אַרי פון די לייבן אין שטאַטישן גן־החיות,
האָט פּלוצלינג די שטילקייט, זיין שטילקייט דערזען,
און ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט,
אַז די גאַנצע שטאָט,
וואָס פּאַשעט זיך שטיל אַצינד אויף דער לאָנקע פון דער נאַכט,
איז אַ לאַם,
און ער האָט דעם לאַם צווישן זיינע ציינער געכאַפּט און ער האָט געברילט
און געברילט און געברילט

און ס׳איז אים געוואָרן מידברדיק גוט,
און ער האָט געפילט צווישן זיינע רייסערס
רינען דאָס שוואַרצע בלוט פון דער שטילקייט —
צום ים;
און ס׳האָט אים געענטפערט דער ים
און מיטגעברילט
און האָט זיך די גאַנצע נאַכט נישט מער איינגעשטילט.

דער אַרי האָט געברילט
און זיין גריווע געוויגט צו די גראַטעס פון דער שטייג,
און דער ים האָט געברילט
און געשיקט זיינע כוואַליעס ווי שוואַרצע קעפּ, נאָך קעפּ, נאָך קעפּ
מיט ווייסע גריוועס איינגעהילט
צו שלאָגן זיך אָן די שטיינערנע טרעפּ
פון די פעלדזן פון יפו —
און דאָס ליד פון ים האָט איינגעוויגט
דעם לייב
און ער האָט גענומען כראָפּען
און אַנטשלאָפן געוואָרן
מיטן חלום פון צעריסענעם לאַם אין די ציין —
און דער לייביכע זיינער צו קאָפּן.

* * *

און געבליבן זענען איצט
אין דער גאַנצער שטאָט
און אפשר אויף דער גאַנצער וועלט,
דריי,
וואַך,
פּאַרטאָן אין אייביקן וויכוח:

אלוה
אויפן גרויסן וואָגן אין הימל,
וואָס איז איצט געשטאַנען מיט די רעדער אַרויף,
ווי איבערגעקערט
פון אַ ווילדן געיעג.
און זיינע אומגעזעענע פערד
רייסן אַראָפּ, אַראָפּ דעם האָר פון הימל
צו דער ערד.

און אין קליינעם וואָגן
סנדלפון, דער מלאך פון פייער, דער גילגול
פון נביא פון פייער
דער אייביקער סניגור
צווישן אלוה און זיין קינד —

און אונטן,
אויף זיין פינצטערן פענצטער־באַלקאָן,
אַן אַלטער משורר אַ ייד,
דער בעטער, פול מיט אייביקן בטחון,
פון דעם דאָזיקן תחנון
אויף תל־אביב,
דער שרייבער פון אָט אַ דעם ליד.

און אַוועק זענען שעהן, ווי רגעס גרינג,
און רגעס, ווי שוואַרצע שעהן שווער,
און ווידער אַ שעה ווי אַן אויגנבווונק,
און ענדלעך האָב איך פון פנים אַראָפּ
גענומען די הענט
און צונויפגעלייגט זיי ווי אַ שאָל אויף אַ דאָרשטיקן טרונק
פון אַ דינעם קוואַל,
און מיט מיין ברענענדיק מויל האָב איך
ווערטער ווי ווידויס אין לעצטער היץ
אין איר אַריינגעגליט,
און אַ ווינט איז געקומען און האָט זיי געבלאָזן אַרויף,
וואָרט־איין און וואָרט־אויס,
און האָט זיי אין שוואַרצן לוח פון הימל געקריצט.

און סנדלפון אינעם קליינעם וואָגן
האָט זיי, וואָרט־אויס און וואָרט־איין,
פאַר כביכול פירגעטראָגן:

אוי,
אלוה, אלוה,
אויב דיין שר פון מוות האָט טויזנט אויגן,
האָסטו, שר פון חיים, טויזנט מאָל טויזנט —
עפן זיי אויף און צייל
אין אָט־אָ דער שטאָט די נפשות חמישים רבוא,
עפן און זע
ביי יעדן קאָפּ, וואָס דאָ ליגט אין שלאָף,
צוועלף שאָטנס זיך וואַלגערן און וואַרפן
אין אייביקן נע־ונד אויף די שטיינער לעבן דעם בעט.
אויב דו קענסט ציילן — צייל,
אויב דו קענסט פאַרשטיין — פאַרשטיי,
אויב דו קענסט פילן — פיל,
אויב דו קענסט היילן — הייל!
אויב דו קענסט זיין גערעכט — זיי גערעכט,
אויב דו קענסט זיין גוט — זיי גוט,
ווייל ווי עס איז שטאַרקער פון מענטש — זיין בלוט,
און ווי עס איז שטאַרקער פון מלאך — די צייט,
אַזוי איז איבער דיר
דאָס געבאָט, וואָס איז פאַרן ערשטן געבאָט,
און זיין נאָמען איז — גערעכטיקייט.
און דאָ איז דאָס אָרט,
און איצט איז די צייט.

זע, מיין האַר,
יעדער גרעסטער חכם אויף דער ערד,
און יעדער גרעסטער נאַר
פון דער ערד פאַרשטייט עס שוין,
זאָל דאָס מעגלעך זיין, אַז דו, די קרוין,
פאַרשטייסט
עס נישט.

עיקר שכחתי

אַז דײַן אײגן בלוט און דײַן אײגענער גײַסט
איז אין אָט די צוועלף שאָטנס בײַ יעדן קאָפּ אויף דער ערד
פאַרגאָסן געוואָרן, געוואָרן פאַרברענט?
און ווײסטו דען נישט, וואָס אַ קינד שוין ווײסט,
אַפילו אַ קינד אין שלאָף,
אַז אַזאַ מין פאַרברעכן האָט נישט קײן שטראָף,
ווי אַזאַ צער — נישט קײן טרײסט.
זײַ לעכצן, נאַר, די חמישים רבוא
אין אָט דער שטאָט,
גאָך רו!
גיב זײ די רו!

דײַן אַלטע וועלט איז שוין מיד
און קלוג געננוג,
מיד איז די וועלטנשיף,
וואָס דו ביסט איר ערשטער פּאַסאַזשיר,
און דער צווײטער איז אדם, און דער דריטער איז ייד;
זי וויל שוין פאַרוואַרפן דעם אַנקער,
פאַרוואַרפן אין אַזאַ מין טיף,
אין לעצטן האַפן —
אין תל־אביב,
אַז ער זאָל קײן מאָל שוין מער נישט אַרויס.

אוי גאָט,
ווען אַלע פענצטער אַפילו,
אין דער אַ גלויביקער שטאָט,
וואָס שטײען איצט אָפענע, שטילע,
וואָלטן ווי אין אַלע וועלטשטעט איבערנאַכט
געשטאַנען פאַרמאַכט,
וואָלסטו דאָך מיט דײַן אויג, וואָס לא ינום,
דײַן אויג, וואָס וואַכט,
אַלץ דערזען:
אָבער דאָ זענען אַלע פענצטער אָפן
מיט אַזאַ מין הפקרדיק, האָפערדיק פאַרטרויען —
אויף ווען, וועמען — אויב נישט אויף דיר,
און דעם וואָס איז איבער דיר,

און האָט נאָך וו׳יניקער דמיון, ווי דו,
נאָר פּשוט איז
גערעכטיקייט.

אָ, זע דאָס תמימותדיקע שלאָפן
פון שוואַנגערע פרויען
אין אָט דער שטאָט. דערהער אין זייער טיפן אָטעם דאָס פּאַרטרויען
אין דיר און אין דעם, וואָס איבער דיר;
זיי שלאָפן ווי זיי וואָלטן אַליין געווען
זייערע אייגענע, נאָך נישט־געבוירענע קינדער.
בייג דיך טיפער איין און הער,
אַ חלף שאַרפט דאָ נאָענט ווער,
און אַ צווייטער שאַרפט אַ שהחינו.

באַשיץ און באַהיט,
אַז זיי זאָלן זיך נישט אויפכאַפּן אין מיטן נאַכט,
ווי פון אַ מראה, געבאָדן אין קאַלטן שווייס —
געבאָדן אין וואַרעם בלוט
פון אַ פּלוצלינגען איבערפאַל
פון ברידערהאַס.
שפּרייט אויס אַ קאָבריץ פון רו,
און שפּרייז אויף אים אַהער, און שפּרייז אויף אים אַהין,
און פאַרביי מיט דיינע געטלעכע טריט
דעם שרעקלעכן ריס, דעם געפערלעכן שניט
צווישן ברודערפאָלק און ברודערפאָלק.
וויל זיין דער,
וואָס מיר האָבן דיך
באַשאַפן אויף דער ערד
און געשיקט אין הימל.
וויל זיין גאַנץ, פּשוט גוט!
פיר די האַנט פון אַלע דיינע קינדער
איביק צום אַקער און קיין מאָל צו דער שווערד.

און אויב עס איז אמת, אַז דו האָסט אונדז
געגעבן ווילן און בחירה,
זינג איך אַצינד
אין אָט אָ דער שירה
צוריק דעם ווילן און די בחירה צו דיר;

עיקר שכחתי

אוי, נעם זי פון מיינע ציטערנדיקע הענט,
גענוג שוין דאָס פּרווון
גענוג שוין דאָס שטראָפן,
מיר וועלן שוין אַנדערש נישט ווערן
און דו וועסט שוין אַנדערש נישט זיין.
פאַרוואַנדל דיך בעסער אַצינד אין איין הערן
און הער
ווי די טוי־טראָפּן טריפן;
דיינע אייגענע טרערן
פון בענקשאַפט — פון יעדן בלעטל און בלאַט.
טריף
דעם טוי פון דיינע טויען,
די שלווה, דעם שלום
אויף די אַלע קינדער און מענער און פרויען.
זאָל יעדער אָטעם, וואָס זיי אָטעמען אויס
פאַרטרייבן אַ שאָטן פון שרעק פון זייער אומשולדיק הויז,
זאָל יעדער אָטעם, וואָס זיי אָטעמען איין
דיין אָטעם זיין; גלויבן אין דיר און פאַרטרויען
אין דעם, וואָס איבער דיר און וואָס דיך האָט געשאַפן.

מיר וואַשן דיינע פיס
אין די טרערן פון אונדזער רחמים אויף דיר,
און זענען מוחל, מוחל,
ווייל מחילה איז אונדזער לעצטע ברירה.
און מיר טריקענען דיינע פיס
פון אונדזערע אייגענע טרערן אָפּ
מיט ווייסע טיכער פון אונדזער נשמה יתירה.

אוי גאָט, זענען דאָך דיינע צען געבאָט,
געקריצט מיט אייזן און געשריבן מיט שטראָל,
איין מאָל חל
אויף דער גאַנצער וועלט — און צוועלף מאָל אויף דיין קינד —
און זאָלן זיי נישט אין גאַנצן זיין חל אויף דיר אַליין?
מיר גיבן זיי סיי ווי סיי דיר נישט צוריק,
מיר בייגן די קעפּ און מיר זאָגן כי טוב!

וי דו האָסט געזאָגט יעדן טאָג, ווען דו
ביסט אַליין נאָך אַ קינד געווען
און געמיינט, אַז אַלצדינג איז שפּיל.
מיר גיבן דיר נישט דיינע לוחות צוריק —
איז דען דאָ אַן אַנדערער וועג צום ציל?
מיר זאָגן כּי טוב,
נאָר מיר ברעכן די לוחות אויף
און מיר שטעלן די העלפטן איבער
און שטעלן אין אָנהייב דעם וואָוו.

אַלע דיינע וואַסערן גייען צום ים,
און דער ים איז קיין מאָל נישט פול,
אַלע דיינע פּיינען, דיינע פּלאָגן, אוי, גאָט,
גייען צום יידישן האַרץ,
און דאָס יידישע האַרץ איז שוין פול,
און עס קען שוין נישט מער, קען שוין נישט מער,
און ס'איז דאָך דאָס האַרץ פון דער וועלט —
האָט דען אַזוי נישט געזאָגט
אין מיטן אַ צייט אַ ווייסטער
דיין פּייטן, דער פרומסטער פון אַלע פּייטנים,
דיין פּייטן, דער זיסטער?
און ווי וועסטו קענען
זיין אין אַ וועלט אָן אַ האַרץ?

* * *

און אַזוי האָט פאַרענדיקט זיין תּחנון צו גאָט
דער אַפּיקורס פון אַלע פּייטנים,
דער ביטערסטער צווישן זיי;
און ער האָט פאַרדעקט זיין פּנים,
ווייל ער האָט געוויינט פון בושה און וויי.
און ער האָט געבעטן בטחון
פאַר אָט־אַ דער איינזאַמער נאַכטיקער שיף,
וואָס איר נאָמען איז תּל־אביב,
אין מיטן צוויי ימען פון שינאת חינם,
אין מיטן דעם לעצטן צוויי־וועלטן־פאַרמעסט.

און אַז דאָס לעצטע וואָרט פון בעל־תחנון
האָט אויסגעבערענט
אויפן הימל — האָבן די שטערן זיך ווידער צעלויכטן,
און ס'איז סנדלפון אין קליינעם וואָגן
געוואָרן ווידער דער פּראָסטער אליהו,
און אַראָפּגעלאָזט די צוויי שווערע הענט,
די מידע פון טראָגן
אייביק די יידישע צרות צו גאָט.

און אַ שטילקייט איז באַפאַלן די שטאָט,
אַ האָרכן אַריין אין דער ווייט,
אַ וואַרטן אַרויס פון דער צייט,
און אין קול־דממה־דקה
הערט מען דייטלעך דאָס אַנטפליען
פון דער אַלטער צייט,
און דאָס אָנפליען פון דער צייט פון די צייטן.

און דעמאָלט האָט אויף אַמאָל די שטאָט אין שלאָף אַ זיפץ געטאָן,
ווי אַ קינד נאָך אַ טיף געוויין —
און ס'איז געווען אַזאַ קלאָרער זיפץ,
אַז אַפילו אליהו
האָט אים נישט באַרירן געוואָלט מיט זיינע שטראַל־ריינע הענט.
און אונטערגעלאָפן איז אַ שטילער ווינט,
האָט גענומען דעם זיפץ אויף זיינע דינע פליגל
און ווי אַ דינע פייל אים אַוועקגעטראָגן
צום גרויסן וואָגן
אין די הענט, וואָס האָבן נישט קיין געשטאַלט,
און נישט קיין דמיון פון אַ געשטאַלט —
און אַז אלוה האָט גענומען דעם זיפץ
און אים אָנגערירט מיט זיינע הענט,
וואָס האָבן נישט קיין געשטאַלט,
האָט דעמאָלט אין זיין אויג — און אויך דאָס אויג האָט נישט קיין געשטאַלט,
באַוויזן זיך אַ טרער —
און די טרער האָט געהאַט אַ געשטאַלט, און געהאַט אַ קאָליר,
ווייל ס'איז געווען גאָטס ערשטע טרער.
און נאָך דער טרער איז געקומען אַ וואָרט,

און אויך דאָס וואָרט האָט געהאַט אַ געשטאַלט, און געהאַט אַ קלאַנג,
ווייל ס'איז געווען גאָטס ערשטע טרער,
און ער האָט עס דריי מאָל געזאָגט, ווי דריי מאָל קדוש עס זאָגן,
הויך, העכער, צום העכסטן,
זיינע קינדער צו אים אין דער תפילה.
אַזוי האָט ער איצט אויך דריי —
מאָל געזאָגט אויף זיינע קינדערס בלוט און אַש און וויי,
שטיל, העכער, געשריי:
די —
גענוג!
און די ערד האָט אַ ציטער געטאָן,
ווי די הימלען פון דריי מאָל קדוש.

און דעמאָלט האָט אין אליהוס אויג
אויך געטאָן אַ לייכט
אין שטערן־ליכט
אַ טרער
פון גליק
און געזאָגט האָט ער:
— איך האָב דערגרייכט.

* * *

און ער האָט מיט זיין פייער־אָטעם
באַשאַפן צוויי פייערדיקע פליגל־פערד
און אַוועק מיט זיין האַר אַרויף, אַרויף.
נאָר נאָך לאַנג געבליבן
זענען צוויי פייער־פּאַסן פון גלויבן
ביז צו דער ערד,
וווּ עס איז געשטאַנען דאָס הויז
מיט דעם באַרוועסן בעל־תחנון אויפן באַלקאָן.

און אויף די צוויי פייער־פּאַסן פון גלויבן
האָט זיך אַראָפּגעגליטשט אַ בלאַט
צום בעטערס פיס.
האָט ער קודם כל אַ קוק געטאָן דערויף מיט טונקעלן חשד:

נאָר ער האָט דערזען, אַז עס לייכט ביי די ראַנדן,
ווי נאָר לייכטן קען דער אמת,
אַזאַ אמת וואָס דאַרף שוין נישט קיין גלויבן.
און ער האָט פאַרשטאַנען דעם ליכטיקן רמז.
און ער האָט אויפגעהויבן דאָס בלאַט,
און דערינען געלייענט
ווערטער, וואָס פשוטערע פון זיי
זענען נאָך קיינמאָל אויף דער וועלט נישט געווען:
מיין קינד,
מיין לעצט,
אַצינד
דיין ווילן — מיין ווילן,
עס וועט געשען,
איך וועל טאָן,
איך האָב דערהערט — איך האָב דערזען,
איך בין ווער איך בין
און איבער מיר ביסטו,
אדם.

און ווי דער בעל־תחנון האָט איבערגעלייענט
די בשורה,
האָט זיך אָנגעצונדן
אַ נייער וועלט־טאָג
און דאָס ליכטיקע בלאַט איז פאַרשוווּנדן.
ווי אַ טראָפּן טוי אין ים פון טאָג
ווי אַ שטראַל אין דער זון,
און געוואָרן ווידער עלעמענט.
און דער בעטער פון דעם דאָזיקן ליד־נישט־ליד,
איז אַריין אין שטוב
און זיין מידן גוף מיט אַ טוך פאַרהילט
און זיין פּנים מיט ביידע הענט.

* * *

און אין שטאָט האָט דער טאָג גענומען טאָגן:
טוביה דער מילכיקער האָט שוין פונאַנדער געטראָגן
אין די הייזער די מילך פון די בלעכערנע קאַנען,

און די ערשטע מאַמעס
זענען שוין אויפגעשטאַנען
צום דאָרשט־געשריי פון די קליינע קינדער,
וואָס האָבן שוין לאַנג מיט די גרויסע אָפענע אויגן געוואַכט
און געוואָרט אויף די מאַמעס
און זיך צעלאָכט — צעלאַאַכט,
אַז די מאַמעס האָבן זיך ביי די וויגן באַוויזן.
און מענער ביי זינגענדיקע וואַסער־קראַנען
האָבן געוואַשן פון ליכטיקע אויגן
די לעצטע שאָטנס פון דער נאַכט.
און אַ נייער טאָג
איז אויפגעשטאַנען
אין אַ נייער וועלט.

תל־אביב, דעצעמבער 1955.

עיקר שכחתי

קול קורא במדבר

אַן איינזאַם נאַכט־ליד
צו יענער זייט גבול
פון מדינת ישראל

א.

ברודער מיינער,
ברודער
ישמעאל,
זון פון אברהם
אויך דו.
קינד פון כשדים אור —
אויך דו.
קום נענטער,
דערלאַנג מיר די האַנט!
אויך איך, ווי דו, בין אין די אַלע
טויזנט, טויזנט, טויזנט און איין טויזנט יאָר
געווען אין דער מדבר.

ב.

אויך מיך, ווי דיך,
האָט אונדזער פאָטער,
דיין פאָטער, מיין פאָטער,
אין דער מדבר געשיקט און געלאָזט דאָרט אליין.
מיט דיר אָבער האָט ער דיין מאַמען געשיקט —
הגר — דיין טויזנטער־יעריקע מוטער.
אויף אירע אָרעמס האָט זי דיך אויסגעוויגט —
אויף איר האַרץ האָסט דו אויסגעוויינט דיין געוויין.
אָבער איך, בין אַלע די טויזנטער יאָרן
געווען אין גאָטס מדבר — וועלט —
אליין און אליין און אליין.
אליין מיט מיין נאָמען און גורל
ישראל.
אליין מיט אַלע מזלות און מיינען
אין אָט דעם נאָמען ישראל פאַרהוילן.

מדבר־איין, מדבר אויס —
אשור און בבל און יוון און אדום און ספרד און אשכנז —
ביז דעם לעצטן מדבר־מזבח — פוילן.
און קיין מאַמע אַרום —
קיין עם, קיין אם
צו הערן מיין איינזאַם וויינען.

ג.

ברודער ישמעאל,
בייג דיך איין און לייג צו
דיין אויער צו דער ערד;
און דעם בליק ווענד אַרויף צום הימל —
און פרעג ביי דיין ערלעך האַרץ,
וואָס דיין אויער האָט געהערט
און געזען דיין אויג;
געהערט האָט דיין אויער, אַז טיף אין דער ערד
קלינגען זיך צוזאַמען
אונדזערע ביידנס נעמען.
געזען האָט דיין אויג, אַז טיף אויבן אין הימל
זינגען זיך צוזאַמען
אונדזערע ביידנס גורלות.
מיר קינדער פון זעלבן פאָטער,
כאָטש נישט פון דער מוטער דער זעלבער.

ד.

אין מדבר־בערג
פון שטיין פון הייסן
גליענדיק־ווייסן —
האָט אונדזער פאָטער דיך געשיקט.
און אויסגעשטרעקט האָבן זיך
פאַר דיין אויג און דיין מוטערס אויג —
אונטן — אומענדלעכע טאָלן,
וואָס כוואַליען מיט געלע זאַמדן בייטאָג,
אויבן — אומענדלעכע הימל־טאָלן
מיט קאַלטע און פייכטע פון ראָסע
שטערן ביינאַכט.

ה.

און אויך מיך האָט ער אין מדבר געשיקט —
ווי נאָר איך האָב געקענט שוין גיין
אַליין.
דיינע מדבריות האָבן נעמען אָ סך.
מיין מדברס נאָמען איז איינער נאָר:
וועלט — —
אָבער שטיינערנע הערצער
זענען דאָ אין מיין מדבר נאָך מערער
ווי שטיינערנע שטיינער
אין דיינעם.
אויף שטיינערנע שטיינער האָב איך
געטראָגן צו די שטיינערנע הערצער
דעם צענמאָל אַנטפּלעקטן סוד —
וואָס אין די ליימענע שטעט און דערפער
פון כשדים אור
האָט אים גאָט —
אונדזער פאָטער פּאַרטרויט
טויזנט יאָר פאָראויס.

ו.

און אַז דו האָסט — ברודער — געליטן
ביי־טאָג פון די היצן, פון קעלטן ביינאַכט,
האָבן די מדבר־שטיינער
קיינמאָל נישט געלאַכט
פון דיר,
נאָר זיי האָבן שטיל און מיט רחמים
אַנטקעגנגעשוויגן
מיט רחמים.
אָבער, אַז איך האָב — ברודער — געליטן
פון בושה ביי־טאָג און פון אימה ביינאַכט —
האָבן מיין מדברס שטיינערנע הערצער
זיך געוויגט פון געלעכטער
אויף דיין גאָטס ווערטער
און מיין גאָטס ווערטער

און האָבן זיך — ווי די כוואַליעס פון ים
איבערגעשריגן
און מיך ווי די כוואַליעס פון ים
מיט שוים פון האַס באַשפּיגן.

ז.

און אַזוי ווי דיינע
מאַמעס, ווייבער, שוועסטערן, טעכטער
האָבן מיט זייערע ביינאַכטיקע טרערן
דיין מדברס שטיינער
נישט וואַרעמער און נישט ווייכער געמאַכט,
נאָר אביסל מער היימיש
אין דער מדבר־נאַכט;
אַזוי האָבן מיינע
מאַמעס, ווייבער, שוועסטערן און טעכטערס
טרערן קיינמאָל נישט ווייכער געמאַכט
די שטיינערנע הערצער
פון מיין לאַנגער נאַכט —
דער לענגסטער נאַכט פון דער וועלט,
דער וועלט — וואָס איז אַ מדבר.
און מיינע היימען זענען געבליבן
היימען פון אייביקער אימה
פאַר קיין שום באַגאַנגענער זינד.

ח.

און נאָר די שטערן,
אונדזערע איינציקע פריינט
אין דער אומענדלעכער ווייט
פון אייביקער אומדערגרייכבאַרקייט,
אין שטח אזוי און אזוי אין דער צייט,
די זעלבע, די הימלישע,
וואָס אונדזער פאָטער אברם
האָט אין זיין איינזאַמקייט
ליב געהאַט זיי אַזוי,
האָבן געוווּנקען צו דיר און צו מיר,
אַרויס פון זייער בלוי־נאַכטיקן תהום —

און געטרייסט אונדז
מיט זייער שטראַלן־בלוי
ווי זיי האָבן אַמאָל געטרייסט
אונדזער ביידנס פאָטער אברם,
ווען ער איז געשטאַנען פאַריאושט
ביים תהום
פון אייביקן סוד
וואָס איז אייביק גאָט.

ט.

און איצט בין איך, ברודער, געקומען צוריק.
פירטויזנט יאָר דו
ביסט געווען דאָ,
פירטויזנט יאָר איך
בין געווען דאָרט.
דו ביסט דאָך מדבר־וואַנדערער
ברודער — דו,
דו קענסט דאָך לייענען דאָס לשון פון שטויב
אויף וואַנדערער־פיס,
גיבזשע אַ קוק אויף מיינע שיך,
אויף די שיך פון דיין ברודער־ייִד
און גלויב,
און גלויב אים, אַז ער איז מיד,
און אַז זיין נשמה איז נישט וויניקער מיד
פון דער וועלט,
ווי זיינע פיס.

י.

ברודער ישמעאל,
צו דיינע לענדער זיבן און מדבריות זיבן
קומט דיין ברודער ישראל —
פון זיבעציק לענדער און מדבריות זיבעציק
קומט דיין ברודער ישראל
צוריק.
קענסט איבערציילן:

זי־בע־ציק.
פון דער גרויסער — ווייטער — וויסטער וועלט
קום איך צוריק צו דעם גאָט־צוגעשווירענעם שטיק
פון אונדזער פאָטערס נחלה.
מיט אַ שליחות קום איך צו דיר —
אַ שליחות פון פזרן — גאָט,
אַ שליחות פון קאַרגן גאָט.
גאָר דערווייל וויל איך רוען —
ווייל איך בין מיד.
איז לאָזשע מיך רוען —
דו ביסט דאָך — וועלטס גרעסטער גביר פון מדבריות —
איז לאָזשע מיך נעמען אין שלוה
וואָס אין זיין צוואה
האָט מיר אונדזער פאָטער
צוגעטיילט ווי מיין מדבר־ירושה.

יא.

קוק מיר אַריין אין די אויגן טיף,
ביז דער סאַמע טונקלסטער טיף,
דאָרט ווז זי ווערט ליכטיק ווידער
פונעם טרויער פון דער גאַנצער וועלט,
דאָרט איז מיין נשמהס
גאַנצער אמת פאַראַן,
לייען אים און גלויב אים אַזוי,
ווי דו ביסט געוווינט צו לייענען און גלויבן
דיין קאָראַן.
און דאַן
דערלאַנג מיר דיין ערלעכע ברודער־האַנט,
און לאָמיר פון איצט אָן צוזאַמען
אַקערן ערלעך דעם דאַזיקן שטיין,
מיט ביימער־וואָרצלען אים צעשפּאַלטן,
און באַגרינען געטריי דעם דאָזיקן זאַמד
מיט גראָז פאַר בהמות און תבואה פאר מענטש;
דו אויף דיינע לענדער — איך אויף מיין לאַנד,

דו — פון דיין זייט פלויט,
און איך — פון מיינער.
פאַרוואָס זאָל אַ ברודער אַ ברודערס האַנט
באַוואַרפן מיט טויט,
שטאָט אים צו דערלאַנגען גאָלדיקע עפּל אויף אַ זילבערנער טאַץ,
און אויף אַ מעשענעם טעלער זאַלץ און ברויט
פון גוטער שכנשאַפט?

יב.

וואַרף אַרויס און אַראָפּ
אויף דער ערד, און פאַרגעס זיי, פאַרגראָב
די מילגרוימען פון טויט.
און אין ים אַריין וואַרף
דעם צינדיקן שטויב און דעם בלייערנעם שרויט.
לאָמיר זיך בעסער דערלאַנגען
אַריבער דעם פלויט
פּירות פון לעבן.
און אפשר גאָר — ברודער —
מיט די מילגרוימען פון טויט אינאיינעם
וואַרפן אויך דעם פלויט צו דער ערד —
וואָס דאַרף מען אַ פלויט צווישן ברידער־שכנים?

יג.

און זאָל די גאַנצע וועלט דערזען,
און לערנען פון אונדז דעם פּראָסטן רעיון,
אַז געענדיקט האָט זיך
געענדיקט, געשלאָסן, פאַרמאַכט און פאַרמעקט
קאַפּיטל דלת פון מיין אַלטן חומש,
קאַפּיטל הבל און קין.
געשטאָרבן אין לעבן און זאָל ער נאָר זיין אין אות און אין כתב.
און פון דער סורא קוף־יוד־דלת
פון דיין קאָראַן
נעם דאָס בעסטע אַרויס פון אות און פון כתב
און נעם עס אין לעבן אַריין ווי אַ נייעם וועלט און מענטש־באַשאַף.
שטייט דען דאָרט נישט געשריבן,

וויאזוי עס דאַרף זיין אַ מאַן צו אַ מאַן, אַ ברודער צו אַ ברודער,
און ווער עס ברענגט אום אַ מענטש,
דער האָט אומגרעבראַכט אַ וועלט — —
און לאָמיר פון איצט אָן נאָר די ליבע לייענען
וואָס ווי גראָז צווישן שטיינער־שפּאַלטן
וואַקסט צווישן די ווערטער, די האַרבע און אַלטע
פון קאָראַן און פון תנ"ך.
אויף ליבע האָט אלהים־אללאה
געגעבן דעם מענטש דעם כוח פון שפּראַך,
און אויב מענטש פאַרסמט זי מיט האַס,
ווערט סוף כל סוף זיין אייגן מויל
אַ זשאַרענדיקע קויל
און פאַרברענט אים אַליין.

יד.

די קנאה
האָט בישט אין ערגעץ געפירט,
ווי נאָר צום גיהנום פון שנאה.
און די שנאה? — אין אירע הענט איז פייער און סם,
און אירע פיס גייען נאָר צום טויט.
און אהבה? — אין אירע הענט איז ברויט,
און צום לעבן פירן אירע פיס,
זי קילט זיי אין גן עדן טייכן,
וואָס זענען ווי מילך מיט האָניק זיס.

טו.

און זאָלן ביינאַכט אין שלווה
אונדזערע שוועסטערן,
יעדע מיט איר זיסן שלשלת אין ניגון,
אונדזערע קינדער פאַרוויגן
מיט שלאָף און מיט רו
און פרימאָרגן־חלום,
און שלום —
און בישט מיט נאַכטיקער אימה.

טז.

און מיר,
ברידער מענער,
לאָמיר קוקן ביינאַכט צו די שטערן
און זען זייער פרידלעכן גאַנג,
היינט, נעכטן, פאַראַיאָרן, פאַרפירטויזנט־יאָרן,
די זעלבע בלוי־זילבערנע שבילי שמים,
די זעלבע מילך־זילבערנע דרכים,
ווי אין יענער נאַכט, ווען אונדזער פאָטער
האָט אַרויסבאַגלייט די דריי אורחים־מלאכים.
אָ לאָמיר נישט דאַרפן מקנא זיין
די שטערן זייער רו ביים זיין איינאיינעם.
דאָס לייכטן און לאַכן זיי נאָר דערפאַר
מיט אַזויפיל גליק,
ווייל זיי קריגן זיך נישט און זיי שלאָגן זיך נישט
און זענען פאַר דער גאַנצער וועלט
אַ לייכטנדיק משל פון גוטע שכנים.

יז.

און אויב ביי אונדז אין די הערצער וועט נישט זיין קיין שנאה,
וועט ביי אונדז אין די היימען אַזאַ שלווה ווערן,
אַז די נאַכטיקע פענצטער פון אונדזערע היימען
וועלן ביינאַכט אויך לייכטן ווי די שטערן.
און אַנטלויפן וועלן פון ביידע זייטן
פון אונדזער שכנישן פלויט,
די פיר אימהדיקע רייטער, וואָס רייטן
איבער די דערנער־פעלדער פון שנאה:
דער הונגער, די נויט,
די פעסט און דער טויט.
און אוצרות וועלן ביי אונדז זיך מערן,
דאָס זילבער פון דער ליבע
און דאָס גאָלד פון דעם שלום —
טאַקע
ווי אויבן אין די שטערן.

יח.

גענוג מיט טרערן
צווישן שוועסטערן,
גענוג מיט בלוט
צווישן ברידער!
דערזע מיך, ברודער, אין מיין טיפן נעכטן,
און גיב מיר מיין רעכט אויף מיין ווייטן מאָרגן,
און אזוי זע איך דיך סיי ווי סיי,
דערזע מיך, איינמאָל מיט אַ הארץ פול מיט ליבע
און ברידערלעכן גלויבן.
גלויב מיר, אַז מיין האַרץ איז אַ נעסט פון טויבן,
וויל נאָר, און איך וועל זיי דיר שיקן איינע נאָך איינע,
און קוק נישט אויף מיר מיט אַ האַרץ פאַרסמט
מיט פּאָליטיק,
ווי אַ נעסט פון שלאַנגען.
לאָמיר ווערן אמתע ברידער צוריק —
די חשדים זענען צו ווייט שוין פאַרגאַנגען.
לאָמיר דאָ אויף דער גרעניץ, און שוין!
פאַרזעצן אַ שותפותדיקן אײלבירטבוים,
וואָס קען וואַקסן טויזנטער יאָרן,
לאָמיר אים אַ נאָמען געבן — אונדזער טרוים —
אונדזער חלום פון שלום
וואָס איז געוואָרן וואָכעדיקע וואָר.

יט.

אונטער זיבעציק הימלען,
מיט די זעלבע שטערן אויסגעשטערנט,
האָב איך פון טויזנט מאָל טויזנט ספרים,
דורך בושה בייטאָג און אימה ביינאַכט
געלערנט,
אַז צווישן גליקלעכע שטעט
און פולע מיט לעבן,
און צווישן אומגליקלעכע שטעט,
און פולע מיט טויט,
ווי בית עולמס,

איז נישט מער ווי אַן איינציקער שריט
פון גוטן רצון, אָדער שלעכטן רצון;
לאָמיר האָבן גוטן רצון.

כ.

מיט אָט אַ דער תורה האָט אונדזער פֿאָטער מיך געשיקט
אין דער מדבר וועלט,
מיט דער זעלבער תורה בין איך געקומען צוריק,
און מיט אַן איינציקן ווילן —
צו באַגרינען דאָ די שטיינערנע פֿלאַך,
און צו בויען פֿיר ווענט
און צו שפּאַנען אַ דאַך
איבער זיי,
פֿאַר דער זון בייטאָג און דער קעלט ביינאַכט.
טו ברודער, אַז אויף מיינע שטילע דעכער,
זאָל נישט דאַרפֿן שפּאַנען דער חשד אויף דער וואַך,
און נאָר די לבנה זאָל זיך דאָרטן שפּילן
מיט יונגע פֿאַרליבטע, וואָס קומען דאָרט קילן
די הייסע הערצער אין נאַכטיקן טוי.

כא.

נישט פֿאַר אַלע מיינע וועלטן־ברידער
קום איך דאָ שפּאַנען מיינע געצעלטן.
זייער גורל איז בלייבן אויף אייביק — ווו זיי זענען
צעשפּרייט
איבער אַלע וועלטן.
דו פֿאַרכט נישט, מיין ברודער, אַז מיר וועלן אַלע
ווי איינער אַהער אין לאַנד זיך אומקערן.
מיר האָבן נאָך אַ שליחות און מיר האָבן אַ פּקדון,
און מיר זענען דערפֿאַר פֿון גאָט, אונדזער האַר
געבענטשט און געמשפּט צו בלייבן פֿאַרשפּרייט איבער אַלע וועלטן.
אַזוי ווי די זאַמדן ביי אַלע ברעג־ימים און טייכן
און איבער אַלע הימלען די שטערן.
פֿאַרחתמעט איז אונדזער פּקדון־מגילה,
גאָט

ווייל נישט אַנפּלעקן איר גרויסן סוד,
זיין סוד — וואָס ער איז מיט אונדז אויסן,
ווען דער לעצטער טאָג וועט די וועלט דערגרייכן,
דער לעצטער, וואָס וועט זיין דער ערשטער.
נאָר אויך מיר, וואָס מיר זענען אייביקער ייד,
ווילן אויך ערגעץ האָבן אַ שטילע היים,
ווען אונדזערע הערצער ווערן מיד
און די נשמות בענקען.
נישט פאַר אַלע מיינע וועלטן־ברידער
קום איך דאָ שפּאַנען מיינע געצעלטן,
אונדזער גורל איז געבונדן מיט די גורלות
פון אַלע זיבן וועלטן.
אויך דו ביסט נאָר איינע פון זיי.

כב.

און פאַר די פאַרברענטע מיליאָנען אונדזערע,
וועלן מיר דאָ שטעלן אַ שטיין
פון דער ערד ביזן הימל,
וואָס זאָל אייביק שטיין און אייביק מאָנען
מיט שטומע נעמען
מיליאָנען.
אויך דו דאַרפסט, ברודער, דעם שטיין תמיד זען
אַריבער אַלע דיינע גרעניצן זיבן
די פאַרברענטע מיליאָנען, וואָס זענען פאַרשריבן
אויף דעם שטיין — פון דער ערד ביזן הימל.
און טיף ביי זיך אין האַרצן דאַרפסטו שווערן
מיט קיין איינציקן נאָמען די מיליאָנען נעמען
מיט דיין האַנט און דיין שווערד פאַרמערן.
און זאָל פון היינט אָן און אייביק
קיין בלוט נישט טריפן,
קיין האַס נישט גליען —
נאָר בליען זאָל רחמים און טריפן זאָלן טרערן
פון ליבע.

כג.

גענוג שוין טויט,
גענוג, גענוג!
נייג נישט ביי מיינע רייד דיין קאָפּ אַוועק,
זיי קלוג, ווי דיינע אבות זיי קלוג.
פאַרהויל נישט דיין מענטשלעכע שרעק
פאַרן טויט. דאָס איז נישט קיין בושה.
מיר זענען ברידער,
אויך איך פאַרהויל זי נישט פאַר דיר.
אָרעם און קאַרג איז געווען אונדזער פאָטערס מדבר־ירושה,
אָבער רייך ווי די וועלט און ווי דאָס לעבן שטאַרק
איז געווען זיין צוואה
צו דיר און צו מיר: לעבן!
האָט דען נישט אונדזער פאָטער אברם
אַ גוט וואָרט געפונען, אפילו אויף סדום
פאַר גאָט?
ווייל אונדזער פאָטער האָט געגלויבט,
אַז יעדער מענטש אין תוך איז גוט.
און אַפילו אַז מען האָט דיר איינגערעדט,
אַז מיין צווייג איז פול מיט זינד ווי סדום,
זעסטו דאָך אַליין טאָג אויס און טאָג איין,
די טויזנט מאָל טויזנט צדיקים מיינע
אין פעלד און אין שטאָט מיט דעם ערלעכן אַקער און ערלעכן האַמער.
נאָ, לייען מיין ווילן און מיינע כוונות
אין די מאָזאַליעס פון דער פלאַך פון מיין האַנט,
וואָס שטרעקט זיך צו דיר אָן וואָפן, אייביק אזוי ווי אַצינד,
ברודער מיינער — מיין פאָטערס און זיין געליבטער הגרס קינד.

כד.

און צום צווייטן, און דריטן און טויזנטסטן מאָל:
לאָמיר נישט ווי קין און הבל זיין,
און נישט קיין שום צעקריגטע ברידער־פּאָר,
נישט אין מיין תנ״ך און נישט אין דיין קאָראַן.
ישמע־אל — הער מיך אין נאָמען פון גאָט!

פון דער מיט פון דער מדבר וו ע ל ט
רופט דיך אַ ברודער —
פון דער מיט פון זיין טיפסטן האַרץ
קומט זיין קול.
אין דיין האַרץ — ברודער — איז דער באַשייד,
אַז דאָס קול זאָל נישט זיין
און בלייבן
קול קורא במדבר.

ערשטע אויפשריפט: אין ירושלים 1955,

זעקסטע: אין מאָנטרעאל 1959.

אַ וואָרט אויף אַן אַסיפה פון סופרים ביי יידן

דעם אָנדענק פון יצחק־נחמן שטיינבערג ז״ל

בעט איך אַ וואָרט
און איך זאָג
ברידער — זאָג איך

פ אַ ר אונדז

זענען שורות פון קברים
פון אַלע, אַלע די
וואָס זענען אַוועק אין געאַייל
און פּאַרויס,
קבר ביי קבר,
אַ סטראָף ביי אַ סטראָף
פון אַ ליד אָן אַ סוף.
אין נעכט אָן שלאָף
דאַכט זיך, אַז
אַלע זענען שוין דאָרט,
יעדערער אונטער זיין גורל־שטיין
און פעלן פעלט נאָך
אויפן הייליקן אָרט
דו
דער לעצטער,
געבליבענער איינער אַליין.

ה י נ ט ע ר אונדז

דער מלאך פון טויט,
דער פּאַסטעך, וואָס פירט
כסדר אַהין,
עס פייפט זיין בייטש,
זיין פייפל פייפט
אַ ניגון אַריין אין ווינט,
עס באַגלייטן אים הינט
און לאָזן נישט טאָן
קיין זייטיקן שריט.

כאַטש זיין סטאַדע פליט
ווי מיט פליגלען שוין סיי ווי סיי.
זי פליט און זי הערט
דעם פּאַסטעכס געשריי:
גיכער נאָך גיכער
זאָל ווערן געגאַנגען, געלעבט
אַראָפּ פון דער ערד.

אַ ר ו ם אונדז

אַ פרעמדער דור,
וואַלגערט זיך שווער און קאַלט,
אַ שניי־לאַווינע,
באַרג־אַראָפּ
אויף אונדזער קאָפּ.
דורך סטריטן, עוועניוס, דרייוון.
אַ מאָל שטעלן מיר זיך אָפּ
און רעדן צו דער לאַווינע,
נאָר זי ענטפערט נישט
און וואַלגערט זיך ווייטער
מיט אַ פייפן אויף אַלע אונדזערע
אידעאַלן,
און לעבט ווייטער, באַרג־אַראָפּ
אין באַרג־אַראָפּ־קאַרנאַוואַלן:
רוקט זיך אָפּ אַן אַ זייט!
ווער האָט דען צייט
פאַר אייך!?

א ו י ף אונדז

דאָס אַשגרוי פון אונדזערע
אייגענע קעפּ,
און אויף אַט דעם אַש — דאָס אַש,
דאָס וואַרעמע נאָך
פון די פאַרברענטע מיליאָנען,
וואָס קיין מאָל וועט נישט
פון אונדזער הימל פאַרשווינדן,

קיין מאָל זיך נישט
מיט דעם שטויב פון דער ערד
פאַרבינדן,
און אייביק וועט מאָנען, מאָנען,
ווי דאָס בלוט פון דעם נביא,
וואָס די ערד וויל נישט זאַפּן,
דאָס אַש וועט אין די הערצער מאָנען,
און אויף די קעפּ וועט קלאַפּן,
ווי אויף אַ געשפּאַנטער פּויק
אַ לעצטער, נישט־פאַרברענטער
רוקנביין
ביז צום טאָג פון תחית־המתים.

א ו נ ט ע ר אונדז

גליטשט זיך די ערד אַפּיר.
ווי אַ שטראָם, וואָס נעמט צו.
עס מישן זיך די זייטן, די פיר
פון דער ערד.
אָפּגרונטן געגעצן.
עס פּלאָנטערן זיך צייטן מיט ווייטן
פון דור־הפלגה מיט משיחס־צייטן,
פון אַ כדור־הארץ אָן גרענעצן
נאָר אויף אים
וואַקסן גיך ווי שוואָמען,
געבוירענע פון צעשפּאָלטענע אַטאָמען,
לענדער, נאָך לענדער און נאָך
מיט גרענעצן און גרענעצן,
שאַרפע ווי שטאָלענע זעגן,
געשטעלט — די ערד צו צעזעגן.

א י ב ע ר אונדז

איז אַ רוישן פון פליגלען.
דאָס רוישן הייבט זיך אָן אין פאַרטאָג
און רוישט דעם טאָג אַדורך
אין פאַרנאַכט אַריין,

אין דער נאַכט אַריין,
עפענען מיר
די פענצטער ביי נאַכט
און קוקן צו די שטערן אַרויף
אַזוי לאַנג
ביז מיר ציילן זיי אַלע איבער —
נאָר פון וואַנעט קומט דאָס רוישן,
וואָס גייט קיין מאָל נישט אַריבער?
קומט דאָס פליגל־רוישן פון גאָט,
פון גאָט אַליין?

און א י ן אונדז

זענען קולות —
מיר הערן זיי כסדר —
און זיי געבן כסדר אונדז איבער
אונדזער שליחות —
זיי שרייען שטילע, שטילע —
יאָ, מען קען אויך שרייען שטיל —
אין אונדז אַריין אונדזער שליחות —
זיי שרייען, ביז זיי שטאַרבן,
און שטאַרבנדיק
דערלאַנגען זיי מיט דעם לעצטן בליק
צוואות
געחתמעטע מיט דער חתימה פון טויט.
יאָ, מע קען אויך מיט אַ בליק
דערלאַנגען אַ צוואָה.
און אַז מיר ברעכן די שוואַרצע חתימות אויף
פון טויט,
געפינען מיר דאָרט
פיר אותיות פון אַן איינציק וואָרט:
בויט —
אין אַלע צוואָות
איין וואָרט.
און עמעץ שעפטשעט —
עס איז נישט קיין דמיון,
עס איז נישט קיין טעות.

און מיר ט ר אַ כ ט ן

ווידער אויף ס'ניי בויען
דעם מענטש, די וועלט,
דעם טורעם,
וואָס פאַלט, ווי נאָר ער איז אויפגעשטעלט?
ווידער אויף ס'ניי אונטער זיין פונדאַמענט
אַריינבויען די יסורים
פון די בעלי־הצוואָות?
דאָ איז דאָך ערגעץ אַן אייביקער טעות —
און איך האָב געמורמלט ווידער און אָבער:
אַן אייביקער טעות, אַן אייביקער טעות —
מיט ביידע הענט דאָס פּנים פאַרשטעלט
און מיין גוף האָט זיך געטאָן אַ וואַקל.
אַ חבר, אַ סופר ביי יידן,
האָט מיר וואַסער דערלאַנגט.
כ'האָב אַ שלונג געטאָן — געדאַנקט
און געזאָגט:
איך בין געקומען צום סך־הכל,
אָט איז ער:
פאַר אונדז — קברים,
הינטער אונדז — דער מלאך פון טויט,
אַרום אונדז — אַ פרעמדער דור,
אויף אונדז — דאָס אַש פון מיליאָנען,
אונטער אונדז — אַ הפקר־ערד צעזעגט און צעגרענעצט,
אַ תהום — צעגענעצט,
נאָר איבער אונדז — איז אַ רוישן פון פליגלען,
און אין אונדז — קולות, צוואָות פון שליחות,
און טיפער, נאָך טיפער, צום טיפסטן אין אונדז,
ווידער קולות — ספקות:
דאָך אין דער טיפעניש פון האַרץ
פון לעצטן ספק,
איינגעטונקט אין טיפסטער טונקלקייט,
איז אַ שטראַל,
איז אַ וואָרט,
זענען אותיות פיר,

נייע פיר זייטן, אַ נייע וועלט —
נייע פיר זיילן פון אַ נייעם יסוד —
בויט —
ווידער און ווידער און ווידער
דעם מענטש, די וועלט, דעם טורעם —
איצט וועט ער שוין מער נישט פאַלן,
איצט וועט ער שוין טורעמען, שטראַלן —
נעשה ונשמע — די צוואָות —
עס איז נישט מער קיין טעות.

געזאָגט עס,
האָב איך מיך אַנידערגעזעצט,
די אויגן פאַרמאַכט,
מיט די הענט דאָס פּנים פאַרדעקט —
און אַלע האָבן איצט דערזען,
ווי צווישן מיינע פינגער פאַלן
טרערן,
און ׳ס שטראַלן
שטראַלן
פון גלויבן.

1948 אויפגעשריבן.

1961 איבערגעשריבן.

הערנדיק די ערשטע שליחים פון פוילן — נאָך דעם דריטן חורבן

...און אַז דו וועסט שוין וויינען מיט טרערן, מיט הייסע,
מיט בלייערן־שווערע, ווי גרויסע שרויטן —
צי קענען דען טרערן — טייכן, שטראָמען ימען —
אָפּוואַשן כאָטש איינעם פון יענע אַלע טויטן?

...און אַז דו וועסט שוין שרייען מיט תוכחות שאַרפע,
און גאָט אַליין אין גאָטס טאָטן שעלטן,
און דעם הימל רייסן, ווי מען רייסט אַ לייוונט,
און ווי לייוונט געריסענע זאָל ער שרייען איבער וועלטן —

...און אַז אַלץ וועט שוין שרייען, ש׳י הימל־עולמות,
און אויך די שטערן וועלן ווי אויף אַ מאַרק זיך שעלטן —
וועט דאָס דען פאַרשרייען דאָס שווייגן ביים גרויסן יידן־שעכטן —
פון די פעלקער פון אַלע ש׳י ערדישע וועלטן?

...און אַז דו וועסט — שוין דאָס לעצטע — מיט אַ חלף פול מיט פּגימות,
און דריימאַליקער קללה, דיין האַלדז איבערשניידן —
וועט דאָס דען פאַרגרינגערן — איצט, אחר המעשה —
כאָטש איין קרבנס איין רגע פון גאַז־קאַמער ליידן?

דעריבער, וואָס טויג דען דיין וויינען, דיין שרייען, זיך שעלטן, זיך שעכטן!
דו זע בעסער, אַז די וועלט זאָל פשוט אַנדערש ווערן,
זאָל זי שטילער ווערן, זאָל זי ריינער ווערן,
און אָנהויבן זאָלסטו ביי דיין אייגענער שטוב צו קערן.

און זיי טו א טובה און מער זאָלסטו שוין איבער זיי נישט וויינען,
זייער רו וועסטו שטערן און דיך וועט קיינער סיי ווי דאָ נישט הערן.
בעסער שטיל לייג צו די הענט צום אַש פון זייער הייליק שווייגן,
און שווייגנדיק זאָלסטו דיין אייגענער נשמה שווערן:

אַזוי ווי די וועלט איז דערגאַנגען — זאָל דיין שבועה זאָגן —
צו בוכענוואַלדער קאַלעכאויוונס, אוישוויצער גאַז־קאַמערן,
האָט זי ווייטער מער קיין וועג נישט — דאַרף מען אָנהויבן אַ נייעם בראשית
און אין איר נשמה איינגעשפּאַרט אַריינצוהאַמערן:

אַלצדינג, אַלצדינג דאַרף פון אַלף ווידער ווערן אָנגעהויבן,
נייער שטערן־גאַנג אין הימלען און אַויף ערדן נייער גאַנג אין לעבן,
נייע ליבע צווישן פעלקער, נייע תורות פון באַנייטן הימל אויבן,
און ווי גייסט פון גאָט אַמאָל, זאָל גייסט פון מענטש אַצינדער איבער אַלצדינג שוועבן.

.1946

אַ יידישער דיכטער אין מאָסקווע — 1948

אויף דיין אומבאַקאַנטן קבר
ברודער מיינער,
פּרץ מאַרקיש.

מיר זענען די אומעטיק טונקעלע ריטער,
די ריטער פון פינצטערן שטערן,
מיר זענען אַרויס אין פרימאָרגן מיט לידער,
און רייטן אַהיים איצט מיט טרערן.

די שטערנס געבויגן — מיט פינצטער־געמיטער
אונטער די הימלישע שטערן,
גלויבערס און לויבערס מיט תפילות און לידער
לעסטערן מיר איצטער מיט בלוטיקע טרערן.

און שווער אונדזער בלוט, זעט מיר ציטערן ביטער
און שרייען דאָס לעצטע ליד צו אונדזער שטערן.
אָ ווער וואָלט געגלויבט — אונדזער ליד פון די לידער
וועט אין בלוט און אין טרערן דערטראָנקען ווערן.

וויי, וויי אונדז — מיר פינצטערע טרויער־שניטער
אין מזל פון שוואַרצן שטערן,
געזונגען, געאַקערט, געזייעט מיט לידער,
און שניידן מיט בלוט און מיט טרערן.

תל אביב, 1956.

אַ ליד וועגן היינטיקע און וועגן אייביקע לידער

אויך איך וואָלט אַמאָל אין אַ נאָווינע וועלן שרייבן אַ ליד וועגן שניי,
ווען ס'איז ווינטער און שניי־פעלדער ציִען זיך און ציִען
ווייט־ווייט פאַר מיין פענצטער; און אַמאָל אויך אַ ליד וועגן בלומען
אין פרילינג — און וועגן ביימער, וואָס גרינען און פעלדער וואָס בליִען.

אויך איך וואָלט וועלן שרייבן אַמאָל אַ ליד אַן אַלט־פרענקיש,
אַ ליד וועגן נחת פון לעבן — סתּם אין אַ טאָג, אַ זון־געבלענדטן.
אויך מיין נשמה איז פול מיט בענקשאַפטן אַלערליי
און פול מיט אַלערליי סענטימענטן.

כ'וואָלט אַפילו אין מיין עלטער אַט ווי כ'בין אַ ייִד,
וועלן שרייבן
אַ ליד פון אַלט־היימישע שבת־פאַרנאַכטיקע שעהן.
אַ ליד פון דער באָבעס גאָט־פון־אברהם און פון שטערנדלעך דריי,
וואָכעדיקע שטערנדלעך אויף אַ הימל אַ שבתדיק־בלאָען.

נאָר אַזוי ווי איך זעץ מיך צו שרייבן אַזאַ ליד — דער שטערן פאַרקנייטשט,
די פעדער אין האַנט, דער ערשטער גראַם אין געדאַנק, און איך הויב אָן
שרייבן —

גיט אַ רינגל אַרום מיין טיש אַ ווילדע טשאַטע הינט;
דערשרעקט זיך מיין ליד און אַנטלויפט, און די הינט יאָגן נאָך און
טרייבן — —

און עס לאָזט זיך אַראָפּ אויף מיין טיש אַן אייזערנע פויסט,
און אַן אייזערנער פּיסק גיט זיך פאַר מיינע אויגן אַ רייס־אויף
און שרייט:
ריר נישט אָן די וועלט מיט דיין שלאַבעריק ליד. ס'איז מיין וועלט און איך
בין עשו.

הויב איך אויף מיך פון טיש
און פון מיין פאַרבענקטן, נישט געשריבענעם געזאַנג אויף
און איך ציטער מיט אימה שטיל אַרויס אַ פּאָר ווערטער:
זיין מוחל עשו — דיין ברודער יעקב.

עיקר שכחתי

זיי אים מוחל און לאָז אים אין זיין ווינקל צו רו,
אין דעם ווינקל פון אַ יידישן דיכטער,
ער וועט נישט מער בענקען צו וועלטן פאַרגאַנגענע,
ער וועט פון איצט אָן זיין קאַלט און ניכטער.

זיי אים מוחל, וואָס ער האָט פאַרבלאָנדזשעט אין דיין וועלט,
נישט זיינע די וועלטן, און נישט זיינע די צייטן.
זיי אים מוחל און זאָל ער זיך חלומען — דער נאַר,
אַז די צייטן און וועלטן וועלן זיך בייטן.

זיי אים מוחל, דעם נאַר, זיין גלויבן אין מענטש,
נאָך אַלץ און נאָך אַלץ אין זיין ליד, דעם פאַרוויינטן,
זיין ליד פון די נעכטנס, זיין ליד פון די מאָרגנס,
ר'האָט פאַרבלאָנדזשעט — עשו — אין דיינע אייביקע היינטן.

1955

אין די טעג פון דין מיט די נאַציס — מיט דער וועלט

נישטאָ אַזויפיל בלוט אין מיין גוף,
וואָס זאָל אין טרערן מגולגל־ווערן,
טרערן — מיט פייער געזאַלצן,
צו קענען אויסוויינען ביזן סאַמע דנאָ,
דעם צער און די שאַנד,
יאָ — די מענטשלעכע שאַנד און פאַרשעמונג,
פון דיין אַלטן גוף, דיינע אַלטע יאָרן,
וואָס דער נאַצי־דייטש האָט דיר געטאָן
אין דער בעלזשעץ־קרעמאַטאָריע,
אַלטע מאַמע מיינע.

ער האָט אויף דיר געטרעטן ווי אַ בער,
מיט שווערע שטיוול, געקאָוועט מיט טשוועקעס,
ווי אויף אַ זאַק מיט שמאַטעס געטרעטן,
און אַז דו ביסט שוין צעטרעטן געווען גענוג,
האָט ער דיך געטריבן מיט הינט צום גאַז.

דיין שטום און אַלט געשריי
האָט נאָר די אַלטע, די טויבע מאַמע ערד,
דער דומם — געהערט.
נאָר וואָס האָט זי מער געקענט טאָן פאַר דיר,
ווי זיין דער הפקר־קבר אויף פאַר דיין ביסל אַש.

נייך — נישטאָ אַזויפיל בלוט אין מיין גוף,
וואָס זאָל אין טרערן פאַרוואַנדלט ווערן,
דיין צער צו באַוויינען — אַלטע מאַמע.

און ס׳איז אויך נישטאָ אַזאַ שטראָף אויף דער וועלט,
נישטאָ אין הימל און נישט אויף דער ערד,
נישטאָ און וועט נישט זיין — אין גיהנום אַפילו,
וואָס אָנגעמאָסטן זאָל זיין אויף דער מאָס
פון דיין פאַרברעכן — דייטשער נאַצי.
אויך רבי ישוע פון שטעטל נצרת
וועט דיין פאַרברעכן קיינמאָל נישט פאַרמעקן,
אַפילו מיט דרשות הונדערט,
אויף בערגלעך צען — צען אויף יעדן באַרג.

עיקר שכחתי

אַפילו ווען אַלע פאַרברעכנס פון דער וועלט,
פון מזרח ביז מערב פון כדור הארץ,
און פון ציטנס אָנהויב ביז ציטנס עק,
און פון חללס איין ברעג ביזן אַנדערן ברעג,
וועלן זיין שוין מיט מחילה־וואַסער פאַרמעקט —
וועט בלייבן הענגען אין וועלטן־חלל
אַלע וועלטנס פינצטערסטער פלעק,
דיין פאַרברעכן — נאַצי.

אַפילו ווען ס'איז קיינמאָל קיין פאַרברעכן נישט געווען
אין גאַרן שטח און אין גאַרן זמן,
איז דיין פאַרברעכן געווען דאָס ערשטע
און וועט אייביק בלייבן דאָס לעצטע;
ווייל נאָך מער פינצטער קען שוין נישט זיין.
אַפילו ווען די ערד וועט ווערן
ווידער אַש פונעם אוניווערס
און ווידער אַריין אין די שטראַלן פון אַלע שטערן — —
דיין פאַרברעכן וועט בלייבן,
עס וועט קיינמאָל, קיינמאָל נישט ליכטיק מער ווערן.

נישטאָ קיין שטראָף פאַר דיין פאַרברעכן,
עס איז אויף יענער זייט מענטש און אויף יענער זייט שטראָף,
אויך אַלע אַרבע מיתות בית דין
צוזאַמען אַנגעווענדטע —
שטיין און בליי און קייט און שווערד
מיט פייער דורכגעברענטע,
וואָלטן געלאַכט, ווען זיי וואָלטן הערן און פאַרשטיין געקענט,
אַז זיי דאַרפן זיין דער אינסטרומענט
פאַר דער שטראָף פאַר דיין פאַרברעכן,
נאַצי.

נישטאָ אַזאַ גליענדיק אייזן, וואָס גליט אַזעלכע אויגן אויס,
נישטאָ אַזאַ קייט, וואָס ציט אַזאַ נשמה אַרויס,
נישטאָ אַזאַ שטיין, וואָס אַזאַ מין געביין צעפּלעט,
נישטאָ אַזאַ שווערד, וואָס אַזאַ מין נאַקן קעפּט — — —

און זיין שטיוול האָט אויף דיר געטרעטן,
מאַמע מיינע,
גוטע צווישן גוטע,
צווישן בעסטע — בעסטע,
אויף דיר געטרעטן, אויף דיר
און אויף דיינע מיליאָנען שוועסטערן,
און שוועסטערס שוועסטערן, און ברידערס ברידערן;
דו ביסט דאָך מאַמע, אַזוי גוט געווען,
דו האָסט דאָך מיך געלערנט פון פרידריך שיללערס סידור,
אַז אַלע מענטשן זענען ברידער,
און אויך פון יאָהאַן וואָלפגאַנג געטהעס לידער,
אַז איידל זאָל זיין דער מענטש,
און העלף־גרייט און גוט.

מאַמע, זיי האָבן איבער דיר געטרעטן
מיט שטיוול, ווי איבער אַ קופּע שמאַטעס,
און ווי טויטן ליים דיין לעבעדיק לייב געקנעטן
מיט דרענגער,
און שפּעטער געטריבן מיט הינט
צום גאַז.

* * *

באַגלייט האָט דיך נאָר דער אָנגופיקער ווינט,
דיין איינציקער באַגלייטער.
ער האָט דיך אויפגעזוכט אויף דער שוועל
פון פייער־שייטער,
געוואָלט דיר צום לעצטן מאָל געבן אַ גלעט
אויף די אַלטע, די לאַנגע, די שניי־ווייסע האָר,
אָבער דיינע האָר האָט שוין דער נאַצי
אויסגעריסן און אויסגעגאָלט,
מאַטראַצן מיט זיי צו שטאָפּן,
און אויסצושנאָרכן זיך גוט,
ווען ער וועט זיין שיכור פון עמערס מיט יידישן בלוט —
האָט דער ווינט נאָר געגלעט
דיין נאַקעטן שאַרבן —
און איז צו מיט דיר צו דער שוועל
פון דער קאַמער פון גאַז.

און געשעפּטשעט אין אויער דיר שנעל:
אַ גרינגן שטאַרבן!
גוט, אַלט קינד מײַנס —
און אויך דער ווינט איז אַנטלאָפן
פון שרעק,
אָבער דו, מאַמע, מיט אַלע
דײַנע שוועסטערן און שוועסטערס שוועסטערן,
ביסט צו דײַן ייִדישן גורל אַוועק.

* * *

נישטאָ אַזױפיל בלוט אין מײַן גוף,
וואָס זאָל אין טרערן מגולגל ווערן.
טרערן מיט פײַער געזאַלצן,
צו קענען אויסוויינען ביזן סאַמע דנאָ
דעם צער, וואָס דער נאַצי־דײַטש האָט דיר געטאָן
אין דער בעלזשעץ־קרעמאַטאָריע,
אַלטע מאַמע מײַנע.

נישטאָ אַזאַ אײַזן — דעם נאַציס אויגן פון אים אַרויסצוגליען,
נישטאָ אַזאַ קייט — פון זײַן האַלדז די נשמה אים אַרויסצוציען,
נישטאָ אַזאַ שטיין — זײַן געביין צו צעפּלעטן,
נישטאָ אַזאַ שווערד — זײַן קאָפּ פון זײַן נאַקן צו קעפּן — —

און נישטאָ אַזאַ כוח,
וואָס זאָל פון מײַן זכרון,
אַפילו נאָך יאָרן און יאָרן
פון יעדן טאָג דיך מיט ווײ געדענקען —
אַלטע, דערשטיקטע מאַמע,
קענען אַרויס פון מײַן האַרצן רײַסן.
מיט שטיקער האַרץ צוזאַמען,
די מראה פון דײַנע לעצטע רגעס
אין דער בעלזשעץ־קרעמאַטאָריע.

* * *

אײדל װעט זײן דער מענטש,
און העלף־גרײט און גוט,
און אַלע מענטשן װעלן װערן ברידער,
אָבער פֿריער מוז פֿון דער װעלט אַװעק,
אין תהום פֿון פֿאַרגעסן
דער לעצטער, לעצטער, לעצטער
טראָפּן פֿון נאַצי־פֿאַרסמטן בלוט.

און ביז צו דער דאָזיקער שעה,
נישטאָ — קײן פֿאַרגעסן,
נישטאָ, נישטאָ!

.1962

דו
און
איך

פאַר רחל אײַזענבערג

מ. ר. א.

אויב איך
קען צוויי־זיין,
צווימאָל איך —
מיין צווייטער
איך
ביסטו.

אויב צוויי
קען איינס־זיין,
זענען מיר עס —
דו און איך,
דו־איך.

אויב איינס,
וואָס צוויי־איז,
מוז נישט זיין
גאָט,
און קען זיין
מענטש —
זענען מיר עס.

אויב בענקשאַפט
וואָס
איז אייביק דאָרט,
קען ערגעץ־ווו
געפינען דאָ,
געפינען אָרט —
דו ביסט
מיין לעצט,
מיין הייליק
אָרט.

11־טן אָקטאָבער 1948.

עיקר שכחתי

ווי לאַנג דו ביסט נאָך דאָ

ווי לאַנג דו ביסט נאָך דאָ אין מיין גאַנצער וועלט,
איז נאָך האָפענונג דאָ אין דער גאַנצער וועלט,
אַז זי מוז, אַז זי וועט נאָך בעסער ווערן.

ווי לאַנג דו ביסט נאָך דאָ אין מיין וועלט, אין דער וועלט,
האָט אַ זינען דאָ אונטן דאָס טומלען אויף די ערדן,
און אַ זינען האָט אויבן דאָס ווינקען פון די שטערן.

ווי לאַנג דו ביסט נאָך דאָ, וועל איך בויען מיין וועלט אַרויף,
ווייסע שטיינער — די טעג, שוואַרצע שטיינער — די נעכט;
ווי לאַנג דו ביסט נאָך דאָ, וועט קיינער מיין וועלט נישט צעשטערן.

ווי לאַנג דו ביסט נאָך דאָ — אַז אַפילו צעלעכצט
ליגט די וועלט און זי פיבערט אין אייגענעם שלעכטס,
וועסטו זי צום לעבן דערוועקן מיט דיינע טרערן.

ווי לאַנג דו ביסט נאָך דאָ — ווי אַ קינד, ווי אַ באָרוועס —
לויפט אום נאָך אַ האָפענונג־שטראַל, קלאַפּט אין הערצער אָן,
ווי לאַנג דו ביסט נאָך דאָ, וועט זיך האָפענונג מערן.

ווי לאַנג דו ביסט נאָך דאָ — איז האַרץ, און אין האַרצן מילדערניש דאָ,
און די וועלט איז נאָך נישט אַ שטיינערנע ווילדערניש נאָר,
אַ מדבר, וואָס מדבר נאָר קען געבערן.

ווי לאַנג דו ביסט נאָך דאָ,
מיין איינציקע — דו —
פון מיין איינזאַמען, איינציקן איך.

יאַנואַר 1950.

און אַז איך גלויב

און אַז איך גלויב נאָך אַלץ אין דעם זין
פון אַט אָ דער וועלט, אין וועלכער איך בין
ווער ווייסט פון וועלכע הייכן אַנגעפלויגן,
ווער ווייסט פון וועלכע טיפן אויפגעשטויגן,
ווער ווייסט צוליב וואָס און פון וועמעס וועגן —
דיר שוועסטער,
איינציקע,
דאַנק איך פאַר אַ יעדער, יעדער, יעדער
אַזאַ
מין
גלויבנס־רגע.

און אַז איך שטיי נאָך אַלץ אויף אַ יעדן אין דער פרי,
און נעם נאָך אַלץ אויף זיך דעם יאָך און די מי
פון לעבן,
און איך שטרעק נאָך אַפילו אויס מיינע הענט
גלויביקע צו אידעאַלן,
און אַז איך פיל נאָך אין מיר, און פיל נאָך אַרום מיר
אַן עמוד ליכט
וואָס ברענט
און לייכט;
איינציקע,
פון דיר קומט וואַרעמקייט, פון דיר זיינע שטראַלן.
און איך קוק אויף דיר און מיינע וווּנדערונגען מערן זיך און מערן,
איז וווּשע זענען דען די הויכע, ווייטע שטערן,
ווו — פון די טיפענישן שפּרינגענדיקע קוואַלן,
וואָס גיבן דיר אַליין יענע הימלישע סובסטאַנצן,
פון וועלכע רויע, גרויזאַמע טאָגטעגלעכקייטן
הויבן אָן מיט אינערלעכן ליכט צו גלאַנצן
און ווערן
אידעאַלן?
איך קוק אויף דיר,
און ס׳פרעגן מיינע אויגן אָפענע,
ווי צוויי לבנות פולע,

אין צוויי נעכט, צוויי אויסגעשטערנטע,
דיינע אויגן, דיינע טיף אַראָפּגעלאָזענע,
דיינע גוטע ליפּן סוד־פאַרשלאָסענע,
פרעגן און פרעגן
די זעלבע שאלה — —

נאָר פּלוצעם האָבן זיך צעטאַנצט
אַלע מיינע אומעטיקע וואונדערונגען,
און ביימער האָבן זיך צעזונגען,
און שטערן צעקלונגען
מיט אַט אָ דער בשורה:
פאַראַן אַזאַ כוח, פאַראַן אַזאַ גבורה,
וואָס פאַרוואַנדלט פמליא של מטה
אין פמליא של מעלה —

און אַט דאָס איז דער ליכטיקער ענטפער,
אויף דער טונקעלער שאלה —

און דו האָסט די אויגן אויפגעמאַכט,
און מיר האָבן ביידע ווי קינדער געלאַכט.

יולי 1948.

שפּעטער האַרבסט-פֿאַרנאַכט ביי אַן אָפֿן פֿענצטער

ער ציטערט דין
מיט אַלע זיינע שמאָלע, דינע,
בלאַס-גרינע
בלעטער דער ווערבע־בוים;
ער געזעגנט זיך מיט מיר אַזוי,
ער אַליין ווייסט עס קוים,
זיינע וואָרצלען זענען קרוין־טיף
אין דער זיכערער ערד.
טונקעלער ווערט
דעם הימלס בלוי.
וואָס ווייסט דער בוים?

אָבער איך — איך מענטש — ווייס עס גענוי.

שוין ציטערן שטיל
אינעם טונקל־בלויען אויג פֿון הימל
שטילע, ווייטע, ערשטע שטערן,
דאָס זענען דער אייביקייטס אייביקע טרערן
אויף אייביקן אויפֿגאַנג און פֿאַרגאַנג.
אויך דער הימל געזעגנט זיך מיט מיר.
ווייסט ער עס טאַקע דער הימל,
וואָס עס ציטערן זיינע שטערן־טרערן אַזוי?

אָבער איך — איך מענטש — ווייס עס גענוי.

האָב איך מיך פֿון פֿענצטער אָפּגעקערט
צו די ווענט
פֿון דער שטוב,
און אַנגענומען ציטערנדיק די הענט
פֿון מיין שוועסטער:
— צינד נישט אָן קיין ליכט,
וועלן מיר זיצן דאָ שווייגנדיק, זאַלבעדריט,
אויף אונדזערע ליפּן — אַ נישט־דערזונגען
ליד.

— זאַלבעדריט?
— יאָ, איידער ער נעמט מיך צו
אין דער רו, אין דער אייביקער רו.
— אָבער ווו
איז דער דריטער דאָ, וואָס פירט אין דער אייביקער רו?
און ווער איז ער — ווער?

און אויף מיין האַנט איז געפאַלן אַ טרער.

— פאַרוואָס האָסטו, שוועסטער, געוויינט?
— איך האָב געוויינט ווייל די ערד איז גרין,
און דאָס לעבן איז טונקל־גרוי
און גייט אייביק אַהין, אַהין —
און דער הימל איז שוין טונקל־בלוי —
איך ווייס נישט וואָס איך האָב געוויינט —

— אָבער איך, שוועסטער, איך ווייס עס גענוי.

יוני 1960.

סימפּאָזיום וועגן טרויער

עס נעמען אָנטייל:
דער פּאָעט און
זיין שוועסטער.

מאָטאָ: דורך טיפסטער פאַרצווייפלונג
צו העכסטער דערגרייכונג —

— אָ שוועסטער — דער גאַנצער טרויער פון אַלע וועלטן
שווייגט און גייט מיר נאָך. אומענדלעכע לוויה
נאָך אַן אייביקן בר מינן.

— אָ ברודער — ווי איך פאַרשטיי דיך. נישט איינע —
דרייהונדערט זעכציק זונען גייען אונטער
יעדן טאָג אין מיין נשמה.

— אָ שוועסטער — מער נאָך ווי איך — דאַרף טרויעריק זיין
דער וועלטן־באַשעפער, נאָר איז עס נישט
אין זיין קאָסמישן לייכטזין און גלייכגילט.

— אָ ברודער — סטאַדעס, היענעס, כאָפּטעס שאַקאַלן
וואָיען אין מיין געמיט און זוכן מיך
פאַר זינד — קיינמאָל נישט באַגאַנגענע.

— אָ שוועסטער — און מיר, חבורות נישט געבוירענע קינדער מיינע
לויפן מיר נאָך און שלעפּן ביי די פּאָלעס,
און מאָנען די טעג נישט־געבוירענע, יאָרן נישט־געלעבטע.

— אָ ברודער — פאַרוואָס זעען מיינע אויגן אַלץ פאָראויס,
אין אַלע דימענזיעס און זייטן פון קאָמפּאַס —
טויזנט יאָרן אין צייט — צענטויזנט מיילן אין ווייט.

— אָ שוועסטער — אַלץ, וואָס מיינע הענט באַרירן — צעפאַלט,
ווי אונטער דעם באַריר פון דער האַנט פון סוף.
היט דיך, שוועסטער, פאַר דעם באַריר פון מיינע הענט.

עיקר שכחתי

— אָ ברודער — נישט איינמאָל טראַכט איך: אפשר וואָלט זינד מיך באַרויקט.
אָבער יעדער געדאַנק פון אַ זינד פון מאָרגן
פאַרברענט מיך נעכטן אין פייערפלאַם פון בושה און חרטה.

— אָ שוועסטער — און איך — נישט נאָר זינדיקן, אַפילו שטאַרבן
קען איך נישט מער, איך — נאָר — האָב אויסגענאַרט
דעם נאַרישן סוד פון טויט ביי גאָט.

— אָ ברודער — איך וויים, איך פאַרשטיי אויך דאָס.
לעבן איז פּרוזדור פון שטאַרבן, שטאַרבן — פּרוזדור פון לעבן.
קיין טויט איז נישטאָ. אַלץ איז נאָר גלגול און טרויער.

— אָ שוועסטער — פאַרוואָס ביסטו אין מיינע וועגן פאַרבלאָנדזשעט?
מיינע וועגן הויבן זיך געענדיקטע אָן,
פלאָנטער אין ערשטן שריט, לאַבירינט — אין צווייטן.

— אָ ברודער — צענמאָל טרויעריקער ווי דו — בין איך,
טרויעריקער נאָך, ווי אַלע דיינע הונדערט טרויער־לידער צוזאַמען.
דו הילסט דיין טרויער אין ווערטער איין — מיין טרויער איז נאַקעט.

.1964—1948

אַ מאָנאָלאָג

יאָ, מיין גערעכטע —
עס איז דאָ גערעכטיקייט, עס איז דאָ, עס איז דאָ!
און זי קומט אויך אַליין, אָן געוויין, אָן געבעט.
איך שווער עס דיר מיט יעדן פּולס פון מיין בלוט,
און מיט יעדן אָטעם פון מיין גייסט. איך שווער, איך שווער.
און איך הער איר גאַנג אַזוי אמת, ווי איך הער,
ווי דו טרעטסט און ווי איך טרעט.
און זי קומט — די גערעכטיקייט! נאָר זי קומט — אַלע מאָל צו שפּעט.

יאָ, מיין שיינע —
און שיינקייט איז דאָ אין דער וועלט, זי איז דאָ, זי איז דאָ.
און דער וואָס זוכט זי נישט — אים לויפט זי אַנטקעגן,
ווי עס לויפן דיביימער אַנטקעגן דעם הפקר, דעם שטורעמווינט.
און די, וואָס בענקען צו איר, ווי דער טונקלסטער וואָרצל — טיף
בענקט צו גרינגאָלדענער קרוין —
זיי בענקט דער שטן די אויגן אַוועק און ער גיט זיי די בלינד.
אָבער שיינקייט איז דאָ.

יאָ, מיין גוטע —
און גוטסקייט איז דאָ אין דער וועלט, עס איז דאָ, עס איז דאָ.
און נאַקעט וואַנדערט זי איבער דער וועלט, וואָס דאַרף זי זיך שעמען.
זי גיט זיך כסדר אַוועק — און זי ווייסט קיינמאָל נישט — ווער עמען.
זי ווייסט נישט — ווער עמען, און זי וויל נישט וויסן.
פאַרוואָס? איך ווייס נישט. אפשר דערפאַר
ווייל די גוטסקייט איז דער שענסטער דערהויבנסטער,
גאָטלעכער, קלוגסטער — נאַר.
אָבער גוטסקייט איז דאָ, מיין גוטע, איז דאָ.

יאָ, מיין שטילע —
און שטילקייט איז דאָ, און שלום, און רו.
די שטילקייט איז אַ שוועסטער פון דער אייביקייט,
און אויב אומרו איז אַ טאָג, איז די רו — אַ יאָר.
און שלום — — גיב אַ קוק אין די שטערן אין אַ שטילער נאַכט,
וועסטו זען, אַז שלום און הימל זענען אַ פּאָר,
און הימל איז דאָך די אייביקייט.

עיקר שכחתי

שלום איז דאָ און שטילקייט איז דאָ,
און זענען נישט זיי דען דאָס גליק?
נאָר עפּעס איז אייביק אַרום און אום אונדז — קריג, קריג, קריג.

יאָ, מיין גלויביקע —
עס איז דאָ אַ גאָט, אומעטום איז ער דאָ, אומעטום איז ער גאָט,
ער איז דאָ אין שטח אין אונדזער יעדן טראָט,
ער איז דאָ אין דער צייט, יעדע רגע, מינוט, יעדע שעה,
צי דו רופסט אים מיט דעם גלויביקן שם,
צי מיט וועלכן נישט נאָמען, לויט יעדן געדאַנק און באַנעם —
גאָט איז דאָ!
נאָר זאָג מיר, גלויביקע — קען מען טאַקע זאָגן
אין אַזאַ מין וועלט, אַז גאָט איז דאָ?
גאָט?!

1958

אַ גוטע שוועסטער, אַז איך וועל שטאַרבן —

אַ גוטע שוועסטער, אַז איך וועל שטאַרבן,
שטום־האַרכנדיק דעם לעצטן רוף —
אין מילדער, גרינער לייוונט היל־איין
און גיב די פלאַמען אַוועק מיין גוף.

אַזוי אַ וויל איך איבערגעבן
מיט חשבון מיינע רמ״ח און שס״ה,
דורך טונקעלע רויכן צו בלויע הויכן —
און ווערן אַליין ווי דער הימל בלאָ.

דעם גוף צוריקגעגעבן ערלעך
אין אַט דער שעה, פון אַלע שעה,
וועט די נשמה ווידער פריי־זיין
און ווידער אויף אַן אייביקייט דאָ.

און ווידער אין קרייז פון די גלגולים,
און ווידער צו נאָך אַ גלגול גרייט,
צו ווערן אַ רינג אין רינגען ווידער
פון דער אומענדלעך־קייט.

יאָ, רינג אין רינגען, ווידער, ווידער —
נאָר נישט קיין גלגול מענטש — נישט דאָס —
נאָר אַ סודות־פולער הירש אין וועלדער,
ביי ווייטע ברעגעס — אַן אַלבאַטראָס.

אַ גוטער גאָט, אַז איך וועל שטאַרבן,
באַשווער איך דיך, איך שעלט, איך בענטש:
קער אום אין טויזנט מיך גלגולים,
נאָר נישט אין גלגול מענטש.

דו פרעגסט: פאַרוואָס? דו מיינסט — באַהאַלטן
וויל איך דאָ פאַר דיר אַ סוד?
ס'איז פשוט — גאָט, מענטש איז דיין גרעסטער
טעות — אַ דו אַן־טעותדיקער גאָט.

עיקר שכחתי

אָ גוטע שוועסטער, אַז איך וועל שטאַרבן,
שטום־האָרכנדיק דעם לעצטן רוף —
אין מילדער, גרינער לייוונט היל־איין
און גיב די פלאַמען אַוועק מיין גוף.

.1961

אַ ליד וועגן אינערגעץ און קיינמאָל...

און אַז איך וועל שטאַרבן פריער פון דיר,
וועסטו מיך שוין טאַקע קיינמאָל נישט זען מער?
אינערגעץ, קיינמאָל?
אין קיין שום אָרט און אין קיין שום שעה,
אין גאַנצן חלל, אין דער גאַנצער צייט?
נעווערמאָר? אַזוי ווי עס קראַקעט די קראָ
אינעם ליד פון עדגאַר אַלען פּאָ?

און אַז דו וועסט שטאַרבן פריער פון מיר,
וועל איך דיך שוין טאַקע קיינמאָל נישט זען מער?
אינערגעץ, קיינמאָל?
אין קיין שום אָרט און אין קיין שום שעה!
נעווערמאָר? אַזוי ווי עס קראַקעט די קראָ
אינעם ליד פון ערגאַר אַלען פּאָ?

און אַז מיר וועלן ביידע געשטאָרבן זיין,
וועלן מיר זיך שוין טאַקע קיינמאָל נישט זען מער?
אינערגעץ, קיינמאָל — מיין שוועסטער —
אין קיין שום אָרט און אין קיין שום שעה?
נעווערמאָר? אַזוי ווי עס קראַקעט די קראָ
אינעם ליד פון עדגאַר אַלען פּאָ?

אַ י נ ע ר ג ע ץ — — — ק י י נ מ אָ ל — — —
אָ, דו וואונדערלעך אָרט פון אַלע וועלטס ערטער,
אָ, דו וואונדערלעך וואָרט פון אַלע וועלטס ווערטער,
אָ, איר וואָס איר זענט די לעצטע געבליבן:
אינעדגעץ, קיינמאָל —
איך צענעם אייערע אותיות אַכט און זיבן —
איך צענעם אייערע אותיות זיבן און אַכט —
העלער ווי טאָג און טונקעלער ווי נאַכט —
און זינג זיי און שרייב זיי,
האָב דאָס גאַנצע בלאַט שוין מיט זיי פאַרשריבן.

שוועסטער —
מיינע ליפּן ברענען אויף דיינע הענט,
עס פאַלט פון די אויגן אויף זיי אַן איינציקע טרער,
און פון די ליפּן אַן איינציק וואָרט —
קיינמאָל־מער.
און די הייסע טרער פאַרברענט דאָס וואָרט —
און אויך דאָס לעצטע וואָרט איז נישט מער.

נאָר פון דימענטענעם אַש פון דער טרער,
וואָס איז געוואָרן פאַרברענט,
גייט אויף אַ ליכט אויף דיינע הענט,
שוועסטער,
און עס שטראַלט אויס די טונקעלע אותיות זיבן און אַכט,
אײַנערגעץ — קיינמאָל,
וואָס איך האָב זיי נאָר וואָס געשריבן.

נישטאָ קיין קיינמאָל און נישטאָ קיין אײַנערגעץ,
עס איז אייביק אָרט און אייביק איז שעה,
און אייביק דו און איך און אייביק איך און דו.
און נעווערמאָר?
נעווערמאָר איז נאָר אַ פינצטערע קראָ,
אײַנעם ליד פון עדגאַר אַלען פּאָ.

יוני 1961.

ארום דער
לעגענדע
פון
אַבּסאָלוטן
ייִשר
און
גוטע
כוונות

אַ תפילה

איך בעט דיך גאָט,
איך באַשווער דיך,
איך בעט דיך שטיל,
ווי עס בעט אַ בלום די זון, וואָס גליט אין אַ טריקעניש;
איך שריי צו דיר,
איך קוש דיר די פלאַכן פון דיינע הענט,
די שפּיצן פון דיינע פינגער,
דין און לאַנג, ווי די רויטע וואָלקנס ביים האָריזאָנט,
ווען די זון פאַרגייט;
איך קוש דעם זוים פון דיין קלייד
מיט אַזויפיל געבעט,
ווי עס קושט די מאַמע איר שטאַרבנדיק קינד;
איך קלאַמער אַרום דיינע לאַנגע פיס,
לאַנג, ווי שטראַלן פון דער זון;
איך שלענגל מיך ווי אַ פלאַנץ אַרויף צו דיין האַרץ,
און איך שעפּטשע אין אים אַריין:
איך בין דאָך נישט שולדיק, וואָס איך בין דאָ,
איך האָב דאָך נישט אויסגעבעטן דאָס זיין,
נאָר אַז איך בין שוין דאָ — וויל איך זיין נאָך און זיין!
גיב מיר נאָך יאָרן,
גיב מיר נאָך זון,
גיב מיר נאָך רעגן,
גיב מיר נאָך גאַנג איבער טעג, איבער וועגן,
גיב מיר נאָך נעכט,
גיב מיר נאָך שטערן,
גיב מיר נאָך לידער,
גיב מיר נאָך לאַכן און גיב מיר נאָך טרערן,
גיב מיר נאָך שעהן מיט פריינד,
גיב מיר נאָך טעג מיט מיין איינציקער שוועסטער,
גיב מיר און גיב —
כאָטש איך ווייס אַליין נישט פאַרוואָס און צו וואָס —

* * *

און אויב דו האָסט קיין יאָרן שוין מער נישט פאַר מיר,
אַנטפּלעק מיר דעם אמת, אַנטפּלעק כאָטש דעם אמת,
ווער איך בין
און ווער ביסט דו,
און ווער קענסטו זיין?
און ביסט דו טאָקע דאָ?
אָדער דו ביסט נאָר אַ שפּיגל־שיין,
אַ צלם־אדם,
ווי איך בין אַ צלם־אלוהים?

* * *

און אויב דו האָסט קיין יאָרן שוין מער נישט פאַר מיר,
און ווילסט מיר אויך נישט אַנטפּלעקן דיין סוד,
אַנטפּלעק מיר כאָטש — גאָט,
אַנטפּלעק דעם סוד
פון טויט.
נעם מיך אָן ביי דער האַנט,
און מיט פּראָסטן לשון,
ווי דאָס לשון פון דיינע צען געבאָט,
זאָג מיר אויס:
איינס, צוויי, דריי — — — צען,
אַזוי און אַזוי איז די באַשיידונג
און איז דער גאַנצער סוד.

* * *

אויפגעשריבן דאָס דאָזיקע ליד־נישט־ליד,
און פּלוצלונג הויבט זיך אויף דאָס פּאַפּיר,
ווי אַ קראַנקער קאָפּ פון אַ קראַנקן בעט,
און עס גיט אַ שווידערלעך־ווייסן גלעט
מיין האַנט
און בעט:
— צערייס מיך, פאַרברען מיין גוף, מיין פּאַפּיר,
ווייל איך שעם מיך פאַר דיר,
ווייל איך בין נישט קיין ליד,
איך בין אַ קריי פון אַ האָן אין חצות,
איך בין אַ קופּע אות,
איך בין אין בעסטן פאַל — אַ ווילדער אויסגעשריי —

האָב איך קודם צוריקגעלייגט דאָס פּאַפּיר
אויפן טיש ביי מיר.
אַזוי ווי מען לייגט אַ קראַנקן קאָפּ
צוריק אויף דעם ווייסן לייוונט־ציך:
— קודם כל באַרויק זיך, באַרויק זיך,
און וויסן זיי,
אַז טאָקע דערפאַר ווייל דו ביסט
אַן אויסגעשריי
פון טיפסטן האַרץ,
ביסט דו אמת און ביסט אַ ליד,
ווייל אַ ליד מוז זיין אמת — אַבסאָלוט,
ווי אמת עס איז אַ שנירל בלוט,
אַ טראָפּן טרער.
איז דעריבער זאָג איך דיר — זיי
און ווער אַ ליד
צווישן מיינע לידער, דיינע ברידער —
כאָטש אַ ליד — —
אויב נישט די באַשיידונג פון סוד.

.1959

אַ תפילה צום פּנים פון מענטש

איז אַ טאָג ערשט אַריבער, אָדער טויזנט יאָר שוין,
ווי איך קני פאַר דיין פּנים — מענטש!?
און טרויער — ווי שוואַרצער שניי, און טרויער ווי טוי פון בליי
אויף מיין גוף, מיין נשמה, מיין גאַנצן מהות — פאַלט און פאַלט,
און באַדעקט מיך פינצטער און שווער און קאַלט,
און בייגט אָן מיין שטערן — ביז ער רירט אָן די ערד.

און איך קוק, און איך קוק אין דיין פּנים — מענטש,
און איך פיל אין מיין אויג די ליבע פון בליק
פון טויזנט מאַמעס אויף זייער קראַנקן קינד,
און פלוצלונג רינט
פון מיין שטומער צונג די פאַרשטאַרונג אָפּ,
און עס שטרעקט זיך מיין פאַרצווייפלטער האַלדז
צו דיר — ווי פון קעלער צום ליכט אַ פלאַנץ,
דו מיין זון און מיין זון און מיין זין און מיין אַלץ,
און עס בעט דיך, בעט דיך מיין גאַנצער מהות
מיט בלייערנעם צער.
ער פיבערט מיט טרערן און פיבערט מיט בלוט
און מיט ווידערגעפונענעם וואָרט,
פּשוט און פּראָסט ווי צווייזמאָל צוויי,
פּרעפּלט ער, שעפּטשעט ער
אויס פאַרקלערט:

אָ דו, וואָס די קרוין פון די קרוינען ביסט,
און פון אַלע ווערטן די מאָס פון ווערט,
טו אַזוי, אַז דיין פּנים זאָל בישט זיין
דאָס לעצטע פּנים פון אַ מענטש
אויף אונדזער מאַמע ערד.

.1950

פלאַקאַט אויף די ווענט פון דער וועלט

מענטשן טייערע, מענטשן איר גוטע,
פאַרוואָס זיך קריגן און שלאָגן צווישן זיך?
לאָמיר בעסער גוט זיין, גוט זיין הייסט קלוג!

מענטשן טייערע, גוטע און שיינע,
מיר מאַכן זיך דאָך אַליין צו געשפּעט
מיט אָט די מלחמות, וואָס נעמען נישט קיין סוף!
עס האַלט זיך דאָך פאַר געלעכטער שוין
ביי די זייטן יעדער קלענסטער פּלאַנעט
פון אונדזער זונען־סיסטעם.

מענטשן טייערע, גוטע, באַהאַרצטע,
פאַרוואָס זיך בלוטיקן צווישן זיך?
לאָמיר בעסער קלוג זיין, קלוג איז אויך גוט!
צי צאַפּט דען וויניק נאָך פון אונדז
דאָס לעבן אַליין, אָט אַזוי ווי עס איז,
עמערוויז אונדזער בלוט?

מענטשן גוטע, טייערע קלוגע,
לאָמיר בעסער, ווי די צעליבטע ברידער,
איינער דעם אַנדערן זיין געטריי.
ס'איז דער אוניווערס שוין אַזוי געשטעלט,
אַז שנאה געננוג האָט ער סיי ווי סיי.

ברידער מיינע, שוועסטערן מיינע,
פאַרוואָס אַזוי צעוואָרפן ס'ביסל האָב און גאָב?
עפנט אויף די אויגן, קוקט אַריין נאָר אין זיך,
אין דעם זאַק פול מיט ביינער, פול מיט בלוט אַ טאָפּ.
דער שונא איז אין אייך, זעט, זעט ווי ער שווימט!
קווינטיליאָן איז זיין צאָל און זיין נאָמען — מיקראָבּ!

עיקר שכחתי

נאָענטע מיינע, טאַטעלעך, מאַמעלעך,
פאַרוואָס זיך סטראַשען אָט אַזוי נאָכאַנאַנד,
מענטש קעגן מענטש, לאַנד קעגן לאַנד,
מיט דעם פאַרשאָלטענעם, געשפּאָלטענעם אַטאָם?
פאַרוואָס דערלאַנגען דעם מלאך המות
אַ העלפנדיקע האַנט?!
צי וואַרפט ער דען ווייניק נאָך פון אונדזער מין
אַליין יעדן טאָג אַריין אין תהום?!

.1952

אָ, איר שטיינהאַרציקע...

אָ, איר שטיינהאַרציקע, אייביקע וועלט־באַגליקערס:
זענען דען קיינמאָל קיין טרערן נישטאָ אין אייערע אויגן?
זענען זיי אויך פון שטיין?
זענט איר ביים לעבן שוין מערמל־מאָנומענטן
פון זיך אַליין?
איר באַלעבאַטים פון אונדזער אַלעמענס פּלאַנעט.

קומט דען קיינמאָל קיין בענקשאַפט נישט אויף, סענטימענטן
אין אייערע הערצער? — אָדער האָט איר זיי גאַרנישט?
און ווי די סטאַטועז, געגאָסן פון בראָנדז,
האָט איר בלויז חלל פוסטן — דאָרט וו מענטשן האָבן האַרץ?

איז טויט דאָס געפיל — צווייטמאָל טויט דאָס געוויסן
אין אייערע מוחות? פילט איר דאָרט קיינמאָל נישט די שלאַנגען־ביסן
פון פשוטער, מענטשלעכער חרטה?
זיצן אייערע קרוינען אויף אייזערנע טעפּ
און נישט אויף מענטשלעכע קעפּ?

בויערט קיינמאָל נישט דער עגבער פון שאלה
ביי אייך אין די טיפסטע אינגעווייד?
זענען די אוניפאָרם־מונדירן אייער הויט?
זענט איר קיינמאָל נישט נאַקעט, ווען איר טוט אויס ביינאַכט דאָס געקלייד,
און איר בלייבט מיט זיך — איינער און אַליין?

מוז דען יעדער געדאַנק, וואָס איר זאָגט נאָר אַרויס,
אַריין באַלד אין אַלע מענטשן־קעפּ פון מזרח און מערב, ווי אַ שאַרפער טשוואָק?
מוז יעדעס וואָרט פון אייער בלעכערן מויל זיך צעקלינגען
אין אַלע עקן וועלט פון צפון ביז דרום ווי אַ הייליקער בשורה־גלאָק?
— — — —
כאָטש איך פרעג אָט די שאלות — וואַרט איך נישט אויף תשובות.
ס׳האָט זיי הבל געפרעגט שוין אין די צייטן פון קין — —
און קיין ענטפער נישט באַקומען — — —

דאָך טאָר מען נישט מיד ווערן ווידער און ווידער
די בלוטיקע שאלות אייביק צו באַנייען
און גלויבן —
אַז אַן ענטפער וועט קומען, — מוז קומען!

1952

עיקר שכחתי

בריוו פון דער מענטשהייט צו אירע באַגליקערס

דו אָרעם, אָרעם מענטשעלע קליינס,
אַלץ איז דאָך פאַר דיר, דעם גוטס פון דיין שטאַם און דיין זאָמען!
אין דיין נאָמען
בויט מען מלוכות, אַז דו זאָלסט אין נחת
אין זיי זיך באָדן.
נאָר דו, קליין מענטשעלע, באָדסט דיך דערווייל אין בלוט און אין אַנגסטן,
אַלע יאָכן ווערן אָנגעלאָדן
אויף דיין רוקן.
און זיי פירן דיך — דיינע רייטערס און די באַלעגאָלעס דיינע,
די מענער מיט די גרויסע מאַכט־ און כבוד־ליידנשאַפטן
און ליידן קליינע.

דו אָרעם, אָרעם מענטשעלע קליינס,
דו הייליקע בלאָטע אונטער די פיס, די שווער־באַשיכטע
פון די טרעגערס פון דער וועלט־געשיכטע,
אָ, דו מיט די גרויסע ליידן
און די קליינע ליידנשאַפטן,
צייט פאַר אונדז ביידן
אַ בונד צו שליסן.
אויך איך בין אַ קליין, קליין מענטשעלע,
כאָטש איך שטופּ אַמאָל צווישן די טרינקערס, די גרויסע
פון כוס פון באַרימטקייט,
מיין איינענע אָרעמע כוסה.

פּנים־אֶל־פּנים האָבן מיר דאָך מורא,
מיר מענטשעלעך קליינע,
אַרויסצוקומען מיט אונדזער בידנער תורה —
איז לאָמיר שרייבן אַ בריוו
צו אונדזערע באַגליקער.
פּראָסט און פּשוט און פון דער גאַנצער אמתער טיף
פון אונדזערע הערצלעך, אונדזערע קליינע,
וואָס זענען שוין — כמעט זינט די וועלט שטייט –
צעריסן אין שטומע יסורים.

און אין בריוו לאָמיר שרייבן,
און טאַקע באַלד אין דער ערשטער שורה,
אַז מיר זענען מוחל די גליקן אונדז צו באַגליקן
במחילה גמורה.
און נאָך? וואָס וועלן מיר טאַקע מערער נאָך שרייבן?
מער האָבן מיר טאַקע שוין גאָרנישט צו שרייבן.
נאָר ביי דעם זאָל עס טאַקע בלייבן.
לאָמיר איינעם אַ בריוו אַזאַ שיקן קיין רעכטס,
וווּ מען קאָכט פאַר אונדז לאַנג שוין דאָס גליק־געקעכץ,
און איינעם אַדרעסירן אויף לינקס,
צו דער גרויזאַמער, גלייכגילטיקער ספינקס
פון אונדזער באַגליקטן יאָרהונדערט.

און לאָמיר פוונדעסטוועגן זיי גאַנץ שיין איבערבעטן
פאַר אונדזער חוצפּה זיך אַריינצומישן
אין די הויכע שמועסן ביי די גרינע לאָנקעס פון די קיילעכדיקע טישן,
וווּ מען וועגט די גורלות פון וועלטן־קיילעך,
און מען וועבט פאַר אונדז אַלע דאָס תכריכים־ליילעך.
און לאָמיר אונדזער כעס, דעם שטילן אָבער גערעכטן,
אַפילו אין אַדרעס מיט אונדזער בלוט פאַרקנעטן,
און מיט אונדזערע צעשוינדענע אָדערן פאַרפלעכטן,
און אַזוי לאָמיר אַדרעסירן:

אַן די האָהען מענער, די דאַ פירן די וועלט,
די מענער מיט די גרויסע ליידנשאַפטן
און קליינע ליידן,
פון די מענטשעלעך מיט די קלענסטע ליידנשאַפטן
און די גרעסטע ליידן.
צו דער וועלטס באַלעבאַטים,
הירטן און ווירטן —
פון די אונטערטעניקע פאַרפירטע.

זאָלן אונדזערע רייד אין אַלגעמיין זיין גוט דערצויגן, אונטערטעניק,
נאָר זאָלן פאָרט די מענער, די הירטן און ווירטן, וואָס פירן,
פרעמיער צי קעניג,
פון צווישן די צוויי־דריי שורות אונדזערע דערשפּירן
אַ פּראָסטיקן ווינט צווישן זייערע ריפּן.

עיקר שכחתי

און זאָלן זיי וויסן אַז אונדזער ווילן וועט זיין דער לעצטער,
דער לעצטער ווילן פון דער וועלט.
האַרט ווי גראַניט,
אומבויגזאַם ווי דער פעלדזן פון טויט.

און לאָמיר פאַרענדיקן אונדזער לפי ערך קורצן בריוו,
קורץ ווי אַ טעלעגראַם,
מיט דריי ווערטער — כמעט ווי סתם.
אָבער אַז מען נעמט זיך פונאַנדער אין זייער אָפּגרונטיקער טיף,
פאַלט מען ווי קורת אַריין אין אַ תהום.

און אָט אַ זענען די ווערטער פון אונדזער פאַרצווייפלטן מוט,
דריי ווערטער מיט שוואַרצן טינט,
דריי עמערס מיט רויטן בלוט:
ג ע נ ו ג א ו נ ד ז ג ע פ י ר ט!
מיט אַכטונג
די מענטשהייט.

קהלת׳דיקער פּאָסט סקריפּטום:
איז ווערזשע וועט פירן נאָך אייך און בעסער?
נענטער צום שלום און ווייטער פון מעסער?
אפשר טאָקע איר — ווידער און ווידער,
אַ ברירה האָבן מיר — מיר פון דער נידער?
נאָר שטאָט די ביקסן מיט דינאַמיט צו לאָדן,
לאָדנט בעסער אַביסל גוט־אמת אין האַרץ.
און סיי ווי סיי וועט אייך דער בריוו נישט שאַדן.

די מ.

.1949

אַ דיאַלאָג־מאָנאָלאָג מיט אַ שטיין

נעכטן, שפעט־האַרבסט, שפעט־פאַרנאַכט,
בין איך אַרומגעגאַנגען אין אַ גאָרטן אַליין —
און — ווי מיין שטייגער — געטראַכט, געטראַכט, געטראַכט —
און טראַכטנדיק אויפגעהויבן פון דער ערד אַ שטיין.

איך האָב דעם שטיין באַטראַכט, באַטראַכט און באַטראַכט,
ארומגעוווישט פון אים דאָס זאַמד, די ערד, דעם ליים.
דער שטיין — אַביסל גרעסער ווי מיין פויסט — און גרוי ווי דער פאַרנאַכט
און כ׳האָב צום שטיין אַ זאָג געטאָן: — קום שטיין מיט מיר אַהיים.

אין דער היים האָב איך דעם שטיין אויף מיין טיש אַנידערגעשטעלט,
און גענומען רעדן אין שטיינערנעם, אייביקן לשון צו אים:
לערן מיך, שטיין, דאָס אייביקע שוויגן אין אָט אָ דער פינצטערער וועלט,
לערן מיך, די אייביקייט, לערן מיך צו שוויגן איר שטים.

לערן מיך דאָס שוויגן פון שוויגנס, די תשובה אויף יעדן געפרעג,
שטיין! זיי מיין ברודער, מיין חבר מיין לערער, מיין גאָט.
זיי מיין וועגווייזער אין יעדן פאַרפּלאָנטערטן וועג.
זיי מיין טרייסטער, זיי מיין חכם, זיי מיין באַשיידער פון יעדן סוד.

— — — — — — — — —

און געוואָרן איז נאַכט, און געוואָרן איז חצות, פאַרטאָג,
און איך זיץ נאָך אַלץ ביי מיין טיש און שווייג אויס
מיין אָנווערטערדיקן, שטיינערנעם דיאַלאָג־מאָנאָלאָג.
און דער שטיין קוקט אויף מיר, און איך זע ס׳איז אַ שטיינערנע פויסט.

און פּלוצלונג האָט מיך דער שטיין מיט אַ שטיינערנעם ציטער דערמאָנט,
אַז מיט יאָרן — אפשר צוויי טוץ, אפשר מערער, צוריק —
האָב איך געשריבן אַ ליד צו אַ קליינעם בלומענטאָפּ,
און געבעטן אים לערנען מיך — זיין בלומיקן וועג צום גליק.

אָבער דער בלומענטאָפּ האָט מיך גאָרנישט נישט אויסגעלערנט.
נו בין איך געקומען מיך לערנען ביי דיר — דו חכם און שטיין.
לערן מיך — שטיין — דער וועלטס ערשטע און לעצטע שוויגן,
לערן מיך אויף אַן אמת צו זיין ווי דו אַליין.

עיקר שכחתי

אַלע ווערטער ווערן דאָך גערעדט אומנישט און אומזיסט,
אַלע געדאַנקען ווערן געטראַכט אומזיסט און אומנישט.
לערן מיך שטיין צו זיין טאַקע־טאַקע ווי דו ביסט —
און איך בין מיט די ליפּן צוגעפּאַלן צום שטיין —
און געקוקט און דערזען אַז איך קוש אַזוי הייס
אַ שטיינערנע פּויסט — די פּויסט פון גאָט.

און אין אָט אַ דער פּויסט האָט גאָט באַהאַלטן
דעם סוד פון אַלע סודות.
נאָר ווי קען מען מיט מענטשלעכע ליפּן שפּאַלטן
אַ שטיין?
מען קען אים נאָר קושן.
האָב איך אַ פענצטער אויפגעמאַכט
און אַריינגעשליידערט
אַריין אין דער נאַכט
דעם שטיין צו דער פינצטערער ערד
ווו ער געהערט
צוזאַמען מיט זיין אייביקן סוד.

1964.

זאָג נישט קיינמאָל, אַז....

ווער זאָגט דען אַז אַ מענטש קען נישט,
ביז דעם טאָג פון זיין טויט,
שפרינגען אַרויס פון זיין הויט?
אָט בין איך געשפּרינגען,
און דעם שפּרונג אין אָט אַ דער מעשה באַזונגען:

דאָ אַנומלט בין איך געזעסן
אַנטקעגן דער שטילער זון, דער האַרבסטיקער,
פאַרנאַכטיקער זון, אין גאָרטן אַליין,
ווי עס זיצן אויף דער עלטער איינזאַמע לייט.

אַרום מיר האָט געררוישט פון דער ווייטער ווייט —
פאַרגאַנגענהייט — איצטיקייט — קומענדיקייט,
אַרויס און אַריין אין אומענדלעכן שטראָם
פון דער אומענדלעכער צייט.

און שטיל איז געווען אַרום מיר און אין מיר,
קיין ווינטל האָט נישט געווייעט
אין רויטלעך־גאָלדענעם בלעטערוואַרק
פון קליינעם, מיט־שטאָטישן פּאַרק.

און נאָר אַן איינציק בלעטל האָט געאומרוט,
אויף אַ ביימל אַנטקעגן,
געציטערט, געציטערט, מיט דער וועלט זיך געזעגנט,
און זיך אָפּגעריסן — און מיט אַ זיפץ און אַ קוש
זיך אַנידערגעלייגט
אויף דער פלאַך פון מיין האַנט.

און מיט אַ טרער האָב איך דעמאָלט די אויגן פאַרמאַכט
און מיט מילדע ווערטער אין מילדן פאַרנאַכט
די נאָך שטילערע זון געפרעגט:
זון, שטילע זון,
איז דאָ שנאה אין דיר?
און די זון האָט געשוויגן און נאָך שטילער געלויכטן.

און אין לאַנגע רגעס אַרום
האָבן זיך ווידער ווי פון זיך אַליין, מיינע ליפּן באַוועגט,
און שטילער נאָך שטילער האָב איך אין זיך געפּרעגט:
זון — — זון — —
איז פאַרוואָזשע האָסן זיי זיך אַזוי,
די קרוינען
פון דיין באַשאַף,
די מענטשן־קינדער וואָס וויינען
און זענען שכנים
ביי דיין טאָכטער און אונדזער מאַמע־ערד?
פליסט דען נישט אין זייערע אָדערן דאָס ליכט
פון דיינע שטראַלן?

דער טאָג איז געוואָרן אַלץ טונקעלער, טונקל,
און דאָס ליכט אַלץ בלאַסער און בלאַס.
און ווידער האָב איך געשעפּטשעט שטיל:
זון — — און פאַרוואָס, אַז פון מזרח קומט אייביק דיין ערשטער שטראַל,
קומט אויך אייביק פון מזרח אַרויס דער דונער־און־בליץ פון האַס?

קיין ענטפער איז נישט געקומען,
אַפילו נישט מיט די לעצטע שטראַלן,
נאָר די גאָלדענע בלעטער האָבן אָנגעהויבן
געדיכטער פאַלן — פאַלן — פאַלן
אויף מיינע ביידע הענט.

איך האָב מיך אויפגעהויבן און בין אהיימגעגאַנגען,
און אין ריטעם פון גאַנג האָב איך אין זיך גערעדט,
אַזוי ווי מען רעדט צו גאָט:
האָסטו אויף אַן אמת געטראַכט,
אַז אַן ענטפער וועט קומען — קומען היינט פאַרנאַכט?
פאַרגעס און שפּרינג ווידער צוריק אין דיין הויט,
און פאַרגעס, אַז אַן ענטפער קען קומען, וועט קומען אַפילו איין רגע־פאַרטויט.

אָבער פרעגן מעג מען — איז פרעג — פרעג — פרעג —
און זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט
דעם לעצטן וועג.

.1957

גראַמען געשריבן אין זאַמד

אין גאָרטן. סוף־זומער. פאַרנאַכט. אויף אַ באַנק.
אַ לעצט־העכסטער טורעם אין מערב־זייט פלאַמט.
עס שטאַרקט זיך דער נאַכט־ווינט. און איך שרייב אַ ליד
מיט אַ ריטל, אַ טרוקנס אין גאָרטן־זאַמד:

שלעכט ביסטו מענטש און הפקר ווי וואַסער
איז דיר דיין חברס וואָרעם בלוט.
גאָט מיינער, מענטש מיינער, זאָג מיר — פאַרוואָס?
עס איז דאָך אַזוי גרינג צו זיין גוט!

שלעכט ביסטו מענטש, ווי א חלף דיין געשריי,
אַז דו ביסט אייביק גערעכט און גערעכט!
גאָט מיינער, מענטש מיינער, זאָג מיר — פאַרוואָס?
עס איז דאָך אַזוי שווער צו זיין שלעכט!

שלעכט ביסטו מענטש, און דאָך זינגסטו צו גאָט,
פון דערלאַנגען דעם שלעגער די אַנדערע באַק — —
אָבער אונטער דער פאָלע, גאַנץ ווייניק פאַרבאָרגן,
האַלטסטו אַ נאַר־וואָס געשאַרפטע האַק.

אין גאָרטן. סוף־זומער. פאַרנאַכט. פון דער באַנק שטיי איך אויף.
דער לעצט־העכסטער טורעם — שוין אָפּגעפלאַמט.
זאָג איך סתם אין דער פוסטקייט אַריין: גוטע נאַכט!
און צעטרעט אין דער פינצטער מיין ליד אינעם זאַמד.

אַפּריל, 1957.

ויקרא יעקב אל בניו

אַ.

בײַם זינקען פֿון מײַן טאָג, בײַם אױפֿגײן פֿון מײַן נאַכט,
האָב איך צונױפֿגערופֿן אַלע זין און טעכטער פֿון מײַן מוח און מײַן האַרץ,
װאָס איך האָב צו זײ מיך אין אַ לעבן לאַנג דערטראַכט —
צװעלף־מאָל־צװעלף אין צאָל —
און צו זײ געזאָגט:
קלױבט אױס, קינדער מײַנע, קלױבט אױס צװישן אײַך
אײנעם — און ער זאָל זײַן אײַער אַלעמענס פּשט.
קרױנט אים מיט אײַער אַלעמענס שײַן,
און ער זאָל מײַן אײנציקער יורש זײַן,
דער זינען פֿון מײַן גאַנצן לעבנס יאָך,
דער ליכט־שטראַל פֿון מײַן לאַנגער אָן־שבת־װאָך;
דער תּוך.

ב.

און ס'האָבן אַלע זין און טעכטער מײַנע,
די קינדער פֿון מײַן געדאַנק,
אַרײַנגעקוקט אין דעם געלעש־און געצאַנק
פֿון מײַנע אױגן, טיף און לאַנג,
און האָבן זיך אױף שטײנער אױסגעזעצט
אַלע אַרום מיר,
צװעלף־מאָל־צװעלף אין צאָל.
זײ האָבן די קעפּ געבױגן,
געזונקען זײ צו דער ערד,
אין װעלכער עס קלאַפּט שױן דער שטילער ריטמישער רוף
צו זײער פֿאָטערס גוף.
און אײנער נאָכן אַנדערן האָבן זײ גערעדט,
און אײנער אין אַנדערן זיך אײַנגעהערט,
װי עס הערט זיך אײַן אין אַ בלום אַ בין,
און אײנער פֿון אַנדערן האָבן זײ
דעם טױ פֿון האָניק פֿון געדאַנק געזױגן.
און נאָך אַ טונקעלער, אין זיך פֿאַרזונקענער נאַכט,
און נאָך אַ ליכטיקן אין זיך צעלױכטענעם טאָג,

האָבן זיי זיך דערטראַכט
צו קרוינען פון צווישן זיך
איין געדאַנק — אַ מאַן,
איין געדאַנק — אַ פרוי,
און צו קומען צו מיר מיט אַ תשובה — אַזוי און אַזוי:
אַט דאָס איז דיין לעבנס לעצטער פשט.

ג.

און אַלע ברידער און אַלע שוועסטערן
האָבן די צוויי געדאַנקען
אונטער אַ חופה געפירט צו מיר און געזונגען:
הרי אתה והרי את —
פון איצט אָן זענט איר איינס,
באַקליידט מיט געזאַנגען,
אין ליכט געבאָדן,
און מיט קרענץ, געפלאָכטן פון שטראַלן־בלאַט,
געקרוינט.
איר זענט ראוי צו זיין דער פשט.
און אַזוי באַצירט
האָבן זיי צו מיר זייער פאָטער,
די געדאַנקען געפירט.
די צוויי געדאַנקען האָבן זיך
פאַר זייער פאָטער געשטעלט
און שטיל געזאָגט:
מיר זענען שוין לאַנג פאַר דיר
דאָ געווען אויף דער וועלט.
נאָר אויך דו האָסט צוליב אונדז געלעבט
דיין גאַנצע וועלט,
אין אונדזערע הענט קענסטו זי רויק לאָזן
און אַליין די וועלט פאַרלאָזן.

ד.

און אַרויסגעטרעטן איז די ערשטע
די טאָכטער פון מיינע געדאַנקענס טעכטער
און געזאָגט האָט זי — —
און מיט ליכט האָט פון יעדן וואָרט געטריפט.

וױ ס׳טריפט מיט ברילִיאַנטן פון אײנעם,
װאָס האָט זיך ערשט אין ים געבאָדן,
און איז אויף דער זון אַרויס — —
און מײן טאָכטער האָט געזאָגט:
ז ײ ג ו ט צ ו ד י ר
אָ ן ק ײ נ ע מ ס ש אָ ד ן.
און געזאָגט האָט זי עס קלאָר אַזוי,
די טאָכטער פון אַלע מײנע טעכטער,
און פון אַלע מענטשן־פרויען — די פרוי,
וױ אַלע פשטותן אינאײנעם — פשוט,
און וױ ערד מיט הימל געמישט — אַזוי פראָסט.
געזאָגט און גענומען גײן אחורנית
און האָט מײן פנים פאַרלאָזט.

ה.

און וױ מײן טאָכטער האָט מײן פנים פאַרלאָזט
איז צוגעקומען דער זון פון מײנע זין
און געזאָגט האָט ער — —
און ס׳האָט פון אים מיט שטילער שײנקײט פון כוח געשפּאַרט,
װײל מיט ליכט איז ער,
וױ דער טאָג מיט זון געלאָדן.
און מײן זון פון זין האָט צו מיר געזאָגט:
ז ײ ג ו ט צ ו אַ ל ע
אָ ן ד ײ ן ש אָ ד ן.
און באַלד געגאַנגען אחורנית
און האָט מײן פנים פאַרלאָזט.

ו.

און וױ איך האָב די טאָכטער פון מײנע טעכטער געהערט,
און דעם זון פון מײנע זין,
און זײערע װערטער — שװער וױ דער שטײן און גרינג וױ דער שטראַל
און שװאַרץ וױ די נאַכט און װײס וױ דער טאָג —

ארום דער לעגענדע פון אבסאָלוטן יושר און גוטע כוונות

האָט באַלד געגומען שנעלער זינקען
מיין לעצטער טאָג,
און שנעלער פאַלן
די לעצטע שטראַלן,
און שנעלער קומען די לעצטע נאַכט,
און פאַרזונקען אין זיך האָב איך געטראַכט:

ז.

מזרח, מערב, צפון און דרום
פאַרמישן זיך שוין אין מיר,
און די טראָפּנס בלוט פון מיין גוף
מיט קליינע גרודקעס ערד,
און פון יעדער גרודקע הערט
מיין נשמה דאָס לעצטע הערן,
און דאָס לעצטע הערן איז דער רוף.
און געקומען איבער מיר אַ נאַכטיק טראַכטן,
און טאָגיק קלערן,
און אַזוי האָב איך אין דער לעצטער קלאָרקייט געקלערט:

ח.

אַז איך וועל אויסטון מיין קלייד פון אַש,
מיין העמד פון ערד,
און קומען צווישן די שטערן,
וועל איך אויסלייגן די ליכטיקסטע פון זיי
אין אותיות און אין ווערטער
פון דעם זון פון מיינע זין,
און דער טאָכטער פון מיינע טעכטער.
און איך וועל בעטן ביים האַר פון די הימלען,
אַז די ווערטער וואָס איך וועל פון די שטערן מאַכן
זאָלן זיך קענען לייענען
אויף איינמאָל אין אלף שפּראַכן.

ט.

ז יי ג ו ט צ ו ד י ר
אָ ן ק יי נ ע מ ס ש אָ ד ן,
ז יי ג ו ט צ ו אַ ל ע
אָ ן ד יי ן ש אָ ד ן.

י.

און ווי איך האָב אָט די געדאַנקען געטראַכט,
האָט עמיץ צו מיר אין אויער אַריין
געשעפּטשעט ווי אין דער רגע פון בעילה,
און עמיץ האָט איבער אַלע הימלען געלאַכט;
נאָר איך האָב ווייטער געטראַכט און געטראַכט:
דאָס, דאָס, דאָס,
איז דער זינען פון אַלע מענטשנס יאָך,
דער שטראַל פון אַלע מיליאָסן טעג,
פון זיבּט גאָטס ערשטער וואָך —
דאָס
איז
דער
תוך.
אין ליכט געבאָדן,
מיט אמת — ווי אַ האַרץ מיט בלוט אָנגעלאָדן:
זיי גוט צו דיר אָן קיינעמס שאָדן, זיי גוט צו אַלע אָן דיין שאָדן.

יא.

און פאַרזונקען אין אָט דעם לעצטן געדאַנק,
ערשטן געדאַנק,
האָב איך מיך לאַנגזאַם און שריט ביי שריט
פון אַלע מיינע צוועלף מאָל צוועלף מאָל צוועלף
געדאַנקען
אחורנית
צוריק אַרויסגעטראַכט,
און פאַרבייגייענדיק
האָב איך אַלע מיינע לעבנס־געדאַנקען,
וואָס האָבן מיר אַמאָל געגעבן
אַזויפיל רו און גליק,
איינס ביי איינס מיט מידע הענט
אויף די בלאָנדע און שוואַרצע קעפּ געגלעט,
און יעדן מיט אַ לעצטן קוש געקוקשט —
און ער האָט זיך ווי אַ שטערן פאַרלאָשן
פאַרטאָג.

יב.

און אויף די לעצטע צוויי
האָב איך באַלכסון אַרויפגעלייגט די הענט,
ווי יעקב אויף מנשהס און אפרימס קאָפּ,
און איך האָב זיי געבענטשט,
און זיי זענען געוואָרן איינס,
ווי צוויי פּלאָמענצונגען,
ווי צוויי וואַסערטראָפּנס
האָבן זיי זיך דורכגעדרונגען.
דאָס ליכט זייערס האָט מיך מיט פּשטות געבלענדט,
און איז אַריבער אין מיינע הענט
פון זייערע קעפּ.
און איך האָב דערפילט די ברכה פון אָנהויב,
וואָס איז דאָ אין יעדן ענד.

יג.

און קוים מיט דעם לעצטן אָטעם
בין איך צוגעקומען צו מיין איינזאַם בעט,
און אַרייגעצויגן די מידע פיס,
און ווי איך האָב דערפילט די לעצטע ליכטיקע בלינד
אין מיינע אויגן,
און די לעצטע זינגענדיקע שטומקייט
פון אַ נאָך נישט געבוירן קינד —
האָבן פליגלען גענומען וואַקסן, פליגלען
— און איך בין אויף אייביק אַוועקגעגאַנגען
און איך בין אויף אייביק צוריקגעקומען
אין דעם געדאַנק פון אַלע מיינע געדאַנקען.
און איך האָב מיך אַריינגעחלומט אין מיין אייביקייט,
און הימל און ערד האָט איצט דורכגעדרונגען
אַ ליד, אַ וויגן־ליד —
און מיך אין מיין אייביקייט אַריינגעזונגען —
ז ײ ג ו ט צ ו ד י ר — אָ ן ק ײ נ ע מ ס ש אָ ד ן,
ז ײ ג ו ט צ ו אַ ל ע אָ ן ד ײ ן ש אָ ד ן.

.1958

אַ זקן
פֿאַרשפּילט
זיך
מיט
זײַנע
לידער

העלענישער אָפּנויג פון אַ יודעאישן דיכטער

דאַ אַנומלט בין איך
אין אַ זומערטאָג
אַוועק אין אַ פעלד,
צו פאַרגעסן זיך
און דערמאַנען די שיינקייט פון אַ בוים, אַ קוסט און אַ גראָז
אין מיטן דער פינצטערער וועלט.

און איך בין געגאַנגען, געגאַנגען אַזוי
און האָב ביי אַ קוסט זיך אָפּגעשטעלט,
אַ קוסט פון דער בלויער וואַנדערבלום;
געשטאַנען אַ בלויע רגע שטום,
און שפּעטער האָב איך צו דער בלום גערעדט
אַט אַזוי:
צי ווייסט די בלויע וואַנדערבלום,
אַז זי איז גוט און אַז זי איז בלוי?
ווי דער הימל בלוי, ווי דאָס פּנים פון גאָט?
און צי ווייסט זי, אַז ווען איר בלוי
וועט זיין אָפּגעבלויט,
וועט זי זיין טויט?

און ווייל איך האָב טאַקע געוואָלט אויף אַן אָרט
האָבן אַן ענטפער פון דעם הימל־בלויען מויל
און דעם הערצעלע פון גאָלד
פון דער בלויער בלום,
דעריבער בין איך ווידער געשטאַנען שטום
און געוואַרט.
אָבער ווייזט אויס אַז דער בלויער קוסט
האָט אין זיין גרינער, שמאָלער ברוסט
קיין ענטפער נישט געוווסט.
האָט די בלויע בלום ביי אַ ווינטל געפרעגט,
וואָס איז שטיל פאַרבייגעלאָפן,
און זי האָט גוט געטראָפן,

ווייל דאָס ווינטל האָט אויף גיך
אָנגעכאַפּט דאָס קעפּל פון דער וואַנדערבלום
און האָט עס אין דער ברייט באַוועגט
אויף ביין.
האָט שוין דעמאָלט די בלום אַליין
איר קעפּל אַ שאָקל געטאָן
אויף ניין!
עס ווייסט נישט די בלויע וואַנדערבלום,
אַז זי איז בלוי — —
עפּיס ווייסט זי אַפילו יאָ, וואָס עס איז טוי,
און אַפילו וואָס פרימאָרגן איז
און אויך וואָס איז נאַכט,
אָבער זי ווייסט אין גאַנצן נישט — וואָס עס איז טויט.
די בלויע וואַנדערבלום,
און זי וויל עס גאָרנישט וויסן.
פון טוי בייַנאַכט און פון זון בייטאָג
קען אַ בלום געניסן —
אָבער פון טויט?
בין איך ווייטער געגאַנגען טיפער אין פעלד
צו פאַרגעסן זיך און געדענקען די וועלט,
און געטראַכט וועגן ענטפער פון דער בלויער בלום.

איז אַ דאָרן מיר אין וועג אַנטקעגנגעגאַנגען
און געזאָגט צו מיר מיט אַ שטילן געבייזער:
קום
און פרעג ביי מיר.
און ער האָט זיך אומרויִק, שאַרף באַוועגט,
האָב איך געזען, אַז ער וויל גאָר שטאַרק זיין געפרעגט.
האָב איך אים צוליב געטאָן,
און האָב אים געפרעגט:
צי ווייסט דער חשובער דערנער־קוסט,
און צי איז אים באַקאַנט און באַוווּסט,
אַז ער איז שפּיציק און בייז און שאַרף?

האָט אויך דער דערנער־קוסט
אַליין קיין ענטפער נישט געוווּסט.

א זקן פאַרשפּילט זיך מיט זיינע לידער

און ער האָט געכאַפּט דעם ערשטן בעסטן ווינט
און חוצפּהדיק ביי אים געפרעגט.
האָט דער ווינט דעם קוסט געגעבן אַ וואָרף
אין דער ברייט אויף: ניין!
און דעמאָלט האָט באַלד דער קוסט זיך צעלאַכט
אין דער ברייט,
אין דער שאַרף,
ווי ער וואָלט אַ בוים געזעגט
און ער האָט געזאָגט:
דו האָסט געפרעגט — איז ענטפער איך דיר מיט אַלע מיינע טויזנט ציין:
ניין!
און איך בין ווייטער געגאַנגען,
און דער ווינט און דאָס ווינטל זענען נאָכגעפלויגן
נאָך מיר.
און איך האָב געהערט ווי אַ שטיל געוויין
האָט זיך אויפגעהויבן
פון די גראָזן אונטן צו די וואָלקנס אויבן.
עס האָט מיך געטריבן צוריק פון פעלד
פון מיין גוטער כוונה
צו פאַרגעסן זיך און געדענקען די וועלט.

און גייענדיק צוריק אויף מיינע אַלטע וועגן,
האָב איך געשעפּטשעט צו זיך:
ווייס, ברודער, דאָס אומגליק איז גאַרנישט אין די ענטפערס —
פון דער בלויער בלום, וואָס איז גוט ווי אַ מאַמעס ברוסט,
און פון דעם רויט־ברוינעם קוסט,
וואָס איז בייז ווי אַלע וועלפישע, שאַרפע ציין.
דאָס אומגליק איז דאָ אין דיין אייביק פרעגן
די בלום אויף איר זיין בלוי און גוט,
ווי די מילד,
און דעם דאָרן פאַר זיין בייז און רויט,
ווי אָנגעצונדן בלוט.

און אַזוי האָט זיך געענדיקט מיין זומער־טאָג אין פעלד
צו פאַרגעסן זיך און באַוואונדערן די וועלט.

יולי 1957.

דאָס ליד איז...

דאָס ליד איז צו קליין פאַר דעם גרויסן צער,
דער צער איז צו גרויס פאַר דעם קליינעם ליד —
ווו זאָל איך מיך אַהינטאָן מיט דעם גרויסן צער?
איך קען אים נישט טראָגן מער — איך בין אַזוי מיד.

איך בין אַזוי מיד שוין פון זיין אַ מענטש —
און נישט נאָר אַ מענטש — נאָר בכלל פון זיין.
שווער ווי בליי איז דער צער, ווי די אורפינצטער שוואַרץ,
קען דאָס ליד נישט אַ צינד טאָן אַ פונקעלע שיין.

און אויב שוין קיין ליד קען נישט ברענגען קיין טרייסט;
די האָפענונג לעצטע —איז אָפשר, ווער ווייסט,
טאָקע נישטאָ אין דער לענג, אין דער ברייט דער טיף און דער הויך
פון דער וועלט פאַר אַ בידנער נשמה אַ ליכט־שטראַלעכל טרייסט.

צו קליין איז דאָס ליד פאַר דעם גרויסן צער,
צו גרויס איז דער צער פאַר דעם בידנעם ליד.
קום ליד מיינס, קום איינציקס און נעם מיך אַרום —
לאָמיר איינשלאָפןביידע צו דיין שענסטן גראַם:
מ י ד — —

1958.

לאָמיר זיך לערנען...

לאָמיר זיך לערנען פון די חיות פון די וועלדער
צו לעבן מיט דעם גאַנג פון דער זון — כּל־זמן — זי שיינט.
לעבן, ווי עס לעבט זיך — איצט, אין דער רגע,
און נישט וויסן אַפילו, אַז היינט איז היינט.

לאָמיר זיך לערנען פון די פייגל פון הימל,
זינג־פליען, פלי־זינגען; איז דען אַלץ נישט געפלי און געזאַנג?
לאָמיר זיך לערנען צו לעבן מיט קעפּעלעך שמאָלע,
קאָלירִיק, פיל־פאַרביק און אָן שום געדאַנק.

לאָמיר זיך לערנען פוןביימער און גראָזן,
לאָזן וואָרצלען אין בלאָטע, אין וואַסער און אַרום אַ שטיין,
לאָמיר לערנען נישט צו טראַכטן, אַבסאָלוט ווי די צמחים.
און בכלל — איז דען דאָ עפּעס אין דער וועלט צו פאַרשטיין?

לאָמיר לערנען פון גאָט — פון גאָט כּביכול,
וואָס ער וויאַנעט און וואַקסט, וואָס צעשטערט און ער בויט,
וואָס איז אייביק, ווייל ער ווייסט דעם סוד פון די סודות,
פּשוט בתכלית הפּשטות: ס'איז קיין חילוק נישט צווישן לעבן און טויט.

און קיין חילוק איז נישט — קל וחומר — צווישן טויט און צווישן לעבן,
און קיין חילוק נישט צווישן אַנטפּלעקונג און סוד.
סיי־ווי־סיי איז אַלץ געווען און אַלץ וועט זיין — י'ה'ו'ה' —
און קיין חילוק, קיין גרעניץ פון בן אדם ביז גאָט.

יולי, 1963

אַ רגע

יעדע רגע מײַנע
איז בײַ מיר אַ טאָג.
נאָך יעדער רגע מײַנער גייט נאָך אַ טענה —
פאַרוואָס זי קערט זיך קײנמאָל נישט אום צוריק,
נאָר זי איז ווי אַוועקגעגאַנגען גליק.

יעדן טאָג ווער איך עלטער
מיט אַ גאַנצן יאָר.

יעדעס יאָר ווער איך קליגער
מיט אַ גאַנצן דור.
אַזויפיל חכמה איז שוין דאָ אין מיר — ווי אין אַלע וועלטן
צוזאַמען.
וואָס דאַרף איך אַזויפיל חכמה?

האָב איך אויפגעעפנט פענצטער און טיר
און זיך אויף דער שוועל געשטעלט,
צו פרעגן די לעצטע שאלה
פאַרחלומט, דערשטוינט און פאַרוואונדערט:
ווער ביסטו מײַן וועלט? און דו — מײַן יאָרהונדערט?

און די וועלט און דאָס יאָרהונדערט
האָבן דערשטוינט און פאַרוואונדערט די שטײנערנע ליפּן באַוועגט און געפרעגט:
און ווער ביסטו?

און דאָס אַלץ איז געשען אין אײן אײנציקער רגע,
וואָס איז געווען אַ טאָג — אַ יאָרטויזנט.

און פון דעמאָלט אָן שטיי איך, רגעס, שעהן, טעג,
יאָרטויזנטער, אויף מײַן שוועל געשטעלט
און פרעג:
ווער ביסטו וועלט?
און אַ בת קול פרעגט: און ווער ביסטו?

א זקן פֿאַרשפּילט זיך מיט זײַנע לידער

און געשען איז דאָס אַלץ אין אַן אײנציקער רגע,
ווען דער דרויסן האָט גערעגנט מיט רעגן, מיט רעגן, —
און דער דרינען האָט גערעגנט מיט פרעגן און פרעגן —

און ווי איך בין געשטאַנען אויף מײַן שוועל געשטעלט,
האָב איך געזען ווי פון רעגן, רעגן, רעגן אויף דער וועלט,
וואַקסן די ביימער און וואַקסן די גראָזן
אויף דער אויבערפלאַך פון דער ערד,
און אין אירע שוואַרצע אינגעווייד
פֿאַלן די רעגן־שטראַלן און זאַמלען צונויף זיך און ווערן קוואַלן.

נאָר פון מײַן פרעגן, פרעגן, פרעגן —
איז גאָרנישט געוואַקסן, ווי עס וואַקסט נאָך אַ רעגן,
קיין קוואַלן נישט — אונטן, און נישט — אויבן קיין גראָזן,
און דער ווינט איז געקומען און פונאַנדערגעבלאָזן
די רגעס, די שעהן, די טעג — טויזנט־יאָרן פון פרעגן.
און אויך מיך פון דער שוועל האָט דער ווינט פֿאַרבלאָזן,
ווי אַ בלאַט, וואָס איז פון אַ בוים געפֿאַלן,
אויף אײנזאַם־אומענדלעכע וועגן.

יוני, 1959.

נאַכט-שמועס אין דער פינצטער וועגן איכות און כמות

צו וואָס, מיין גאָט, צו וואָס אַזויפיל לעבן
אויף אָט דער וועלט — צו וואָס?
מענטש — חיה — פיש — פויגל —
בוים — בלום — גראָז?

לעבן איז יסורים, איז צו וואָס אַזויפיל יסורים,
אַזויפיל פאַרגאָסן בלוט?
אַלץ צוליב דער פאַרבלענדעניש, אויסדוכטעניש,
אַז לעבן איז גוט?

צו וואָס — מיין גאָט — צו וואָס אַזויפיל שטאַרבן,
אַ רגע — אַהער, אַן אייביקייט — אַהין?
אַ רמז פון דעם — וואָלט איך נאָך פאַרשטאַנען,
אָבער כמות — כמות סתם — קען עס האָבן אַ געטלעכן זין?

אָט די קאָסמישע פאַבריק פון שאַפן און פאַרדאַרבן —
ווידער און ווידער — האָט עס און קען עס דען האָבן אַ ציל?
עס פאַלט דאָך אַלץ אויפן יחיד — ער דאַרף עס אויסלעבן, אויסשטאַרבן.
אין יסורים — און פאַר דיר איז עס אַ שפּיל?

צו וואָס — צו וואָס — צו וואָס אַזויפיל מספּר?
פון איינס זאָל ווערן — צוויי — פיר און אַכט?
קען דען כמות גאָט לויבן? דערהויבן?
כמות האָט דאָך אַפילו קיין מענטש נאָך נישט גליקלעך געמאַכט?

איכות קען איך נאָך פאַרשטיין — אַפילו מיט יסורים.
רמז און סוד פון אייביקער נייגעריקייט — —
אָבער כמות שרפעט מיט רשעות, ריינער רשעות — גאָט:
רש׳ע — פאַר כמות בין איך שעלטן, שעלטן, שעלטן דיך גרייט.

— — — — —

עפּילאָג:
קיין ענטפער איז געוויינטלעך נישט געקומען — —
איז דעריבער איינגעשלאָפן דער פרעגער און זיין מאַנאַלאָג.
און ערגעץ אין דרויסן, אין קאַלטן פאַרטאָג, האָט זיך צעוויגט
מיט לויב און מיט פאַרכט פאַרן כמות — אַן אַלטער טורעם־גלאָק.

תל־אביב, פעברואַר 1956.

דיאַלאָג צווישן אַ נאַיוון לייענער און אַ ראַפֿינירטן דיכטער

— אַנטשולדיקט, הער דיכטער, וואָס איז אַ ליד?
— אַ ליד איז אַ מענטש!
— אָבער אַ ליד איז דאָך אייביק און אַ מענטש איז דאָך שטאַרביק?
— אַ ליד איז אַ דיכטער!
— נו, אַז אַ דיכטער?
— אַ דיכטער איז נישט קיין מענטש! ער שטאַרבט נישט!
— טאַקע?
— ער שטעלט צונויף אַ טוצן לידער
און לעבט דורך זיינע לידער אייביק!
— איין טוצן איז גענוג?
— אויב ער איז אויף אַן אמת דיכטער
און איז אויף אַן אמת קלוג!
— איז פֿאַרוואָזשע, דערלויבט מיר, הער דיכטער,
דערלויבט מיר פֿאָרט
צו פֿרעגן נאָך איין וואָרט,
און ענטפֿערט און צעטרייבט מיין צווייפֿל —
ווי דערקלערט מען דאָס,
וואָס דיכטערס שרייבן און שרייבן
לידער אָן אַ צאָל און אָן אַ מאָס?
— די פֿראַגע איז ווייפֿול —
נאָר קיין ענטפֿער האָב איך נישט —
באמת —
ווייסט אונדז אַלע, אַלע דיכטער,
טאַקע
דער סאַמאָראָדנער טייוול!

1957.

עיקר שכחתי

אויסגעזונגען...

(נעמט עס נישט ווערטערלעך. אַראָפּזינגען
זיך אַ ביסל פון האַרץ — באַרויקט, דערפאַר
האָב איך דאָס ליד געשריבן...)

אויסגעזונגען זענען אַלע מיינע לידער שוין,
זיי ליגן,
ווי די בלעטער, די געפאַלענע אין האַרבסט,
אונטער די פיס, וואָס גייען שוין אַוועק, אַוועק — און ליגן אַנטשוויגן.

אויסגעגלויבטע זענען אַלע מיינע גלויבנס שוין,
און דאָך — זיי וואַרטן,
אפשר וועל איך איינמאָל, פון רחמנות, אויפהויבן נאָך איינעם כאָטש,
צודריקן צום לעבעדיקן האַרץ, דעם — הונדערט מאָל שוין אָפּגענאַרטן.

געזונקען זענען אַלע מיינע שיפן שוין, זיי ליגן
אויף דנאָען
פון אַלע זיבן ימען פון דער גרויסער, קייַלעכדיקער ערד,
אַפילו איך אַליין קען זיי נישט געפינען מער אונטער די
וואַסער־שפּיגל־בלאָען.

אויסגעקריגטע זענען אַלע מיינע קריגערייען שוין,
די שונאים
זיצן מיט די פריינד ביי אַ מסיבה שטיל, קוקן זיך אין פּנים
און טראַכטן: הבל הבלים — אַלע זענען מיר געווען נאַראָנים.

אויסגעלעבט איז אייגנטלעך דאָס גאַנצע לעבן שוין,
געבליבן
אַ ליכטשטראַל איז אַ לעצטער נאָך, אַז געווען איז עס אַ גלגול נאָר: איינער
פון גלגולים זיבנטויזנט, זיבנהונדערט, זיבעציק און זיבן.

געשטאָרבן ביסטו אויך שוין — גאָט אומשטאַרביקער: אַ גלגול ביסטו
אויך דו,
גאָט פון גאָטן,
כאָטש דו מאַכסט אַן אָנשטעל, אַז דו ביסט אַ גלגול נישט. ביסט גאָר
דער שאַפער פון גלגולים, און אַז די וועלט איז דיר — כי טוב — געראָטן.

א זקן פֿאַרשפּילט זיך מיט זיינע לידער

און דאָס לעצטע נאָך און נאָך אַמאָל: אויסגעזונגען זענען טאַקע אַלע לידער שוין,
זיי ליגן,
ווי די בלעטער, די געפֿאַלענע אין האַרבסט, און אויך דאָס ליד איז אַזאַ מין ליד,
איז לייגזשע דיך אויך דו צו פֿיסן מיר, דו ליד, דו לעצט, און ווער אויך דו אַנטשוויגן.

1946.

עיקר שכחתי

דער מאַכטלאָזער דיכטער פּרוווט בעסער צו מאַכן די וועלט

געווידמעט דעם גרויסן חבר אונדזערן
יעקב גלאַטשטיין
ווי אַ רעפּליק אין דעם וויכוח
וועגן אומפאַרשטענדלעכער פּאָעזיע.

דער היינט איז טונקל,
דער מאָרגן איז שוואַרץ,
דער נעכטן איז ליכט —
דעריבער וועלן אויף להכעיס טרינקען מיינע אויגן, שיכורן מיין האַרץ
דעם נעכטן.

דער היינט איז אַ וואָלף,
דער מאָרגן איז אַ טיגער,
דער נעכטן איז אַ לאַם —
דעריבער וועלן אויף להכעיס גלעטן מיינע אויגן, האַלדזן מיין האַרץ דעם
נעכטן.

דער היינט איז אומרו,
דער מאָרגן איז תוהו ובוהו,
דער נעכטן איז שבת־שבתון —
דעריבער דאַווענען צו להכעיס מיינע אויגן, פאַלט כורעים מיין האַרץ פאַרן
נעכטן.

דער היינט איז גאַל,
דער מאָרגן איז סם,
דער נעכטן איז אַ זיסער קוואַל —
דעריבער זופּן מיינע אויגן אויף להכעיס, קוויקט און טרייסט זיך מיין האַרץ
מיט נעכטן.

דער היינט איז גסיסה,
דער מאָרגן איז מוות,
דער נעכטן — גן־עדן הימליש־זיסער —
דעריבער און צו להכעיס פאַרגליווז איך די אויגן און זינג שירה צום נעכטן.

דער היינט איז אַ געוואָרפענע קללה,
דער מאָרגן איז איר מקוים־ווערן,
דער נעכטן איז אַ ברכה —
דעריבער און צו להכעיס קוש איך דעם זוים פונעם זילבערנעם מאַנטל פון
נעכטן, און צעבייס אים אין מאַכטלאָזן כעס.

דעצעמבער, 1961.

עקספּערימענט אין גראָטעסק

די שעה זייגער עלף
ווערט
פֿון קיינעם נישט באַמערקט,
זי איז איינזאַם און גליקלעך
די גליקלעכסטע שעה
אויף דער קיילעכדיקער ערד.

זי איז אַרײַנגערוקט אין מיטן,
זי איז יאָ און איז נישט
צווישן אַן ערשטן און אַ דריטן.

זי שפּילט זיך מיט די גאָלדבלאָנדע האָר
פֿון דער צענטער שעה,
זי שטעקט אַרויס אַ צונג צו דער שעה
זייגער צוועלף —

נאָר נישט זייגער צען און נישט זייגער צוועלף
קענען זי כאַפּן —

אַז זי וויל איז זי דאָ,
און אַז נישט — נישטאָ —
קיינער דאַרף נישט קיין עלפֿטע שעה.

אַזוי אין דער פֿרי
און אַזוי אויף דער נאַכט,
זי ווײנט נישט קיינמאָל
די עלפֿטע שעה —

זי לאַכט — — —
וואָס זאָל זי וויינען —
זי איז דאָך אַליין אפשר גאָר נישטאָ.

עיקר שכחתי

איך בין דיך מקנא,
דו גליקלעכע „זייגער עלף",
וואָס דו גייסט נישט פאָראויס
און דו גייסט נישט צוריק —
דו גייסט און דו שטייסט,
ביסט אַן אייביקע בריק,
ביסט דאָ, ביסט גליק
גליק אַליין,
העלף מיר, העלף —
אויך איך וויל זיין
זייגער עלף.

* * *

געשריבן אין תל־אביב
אין יאָר 1955
בשעת ראַדיאָ־הערן וועגן אַ מצרישער אַקציע — — —
גראָטעסק! נישט־אַזוי?

אחד און אפס — אָדער 1 און 0

דער אײַזערנער רינג פֿון דער אײנזאַמקײט
אַרום דער אײנזאַמער אײנס
שליסט זיך אַלץ ענגער און ענגער אַלץ
אַרום דעם
די־
נעם,
דער־
שראָ־
קע־
נעם
האַלדז,
ווי
אַ
ליליע
שוין
דין,
ווי
אַ
ליליע
ווײַס
פֿון מײַן איך —
און איך ווער אַלץ אײנזאַמער, אײנזאַמער אַלץ,
אַלײנער, אַלײנער און בלויז נאָך: איך.

און ווי עס ווערט ענגער און ענגער אַלץ
דער אײנזאַמקײטס־רינג אַרום אײנזאַמען האַלדז,
צעעפֿנט זיך ברײטער און ווײַטער אין הימלישן בלוי און ווײַס,
דער אין סוף פֿון אפס — אַ קרײַז אין אַ קרײַז און אין נאָך אַ קרײַז.

און עס גיט אַ שמײכל די אײנזאַמע אײנס,
מיט איר לעצטן דינעם שמײכל,
ווי פֿון אַ ליליע־מויל, אַזאַ ווײַס, אַזאַ שײנס
און פֿרעגט אין דער אײביקײט אַרײַן:
אָבער וואָס איז אפס, וואָס איז קרײַז
אָן דער אחד, אָן דער אײנס?

1960.

באַלאַדע אין מיניאַטור — אָן אַ טראַגישן סוף

אַ ליד איז געהאָנגען
פֿון אַ שטערן אַראָפּ,
און ווי אַן עפּל, אַ צייטיקער
פֿאַלן געוואָלט:
האָפּ! גלייך אויף מיין קאָפּ.

און דאָס ליד האָט געזונגען
פֿונעם שטערן אַראָפּ:
דיכטער — איך בין דיין גליק,
שטרעק נאָר אויס דיינע הענט,
הויב נאָר אויף דיין בליק
און דערזע ווי איך בלענד,
איך בין שיינקייט פֿאַרן אויג,
פֿאַרן האַרצן — זיס.

כ׳האָב געענטפֿערט דעם ליד
אויפֿן שטערן אַרויף:
קיינער דאַרף דאָ נישט קיין ליד!
דו ווילסט פֿאַלן? פֿאַל!
נאָר געדענק, אַז דו וועסט
אין דריי רגעס אַרום
זיין צעטרעטן — אָבער פֿעסט —
דורך דרייהונדערט גרויזאַמע פֿיס.

דאָך אַ ליד איז אַ נאַר,
ס׳האָט דעם דיכטער טאַקע אויסגעהערט;
נאָר געפֿאָלגט אים? דווקא נישט.
ס׳האָט אַליין זיך געגעבן
פֿונעם שטערן אַ ריס
און געפֿאַלן צו דר׳ערד,
און באַצאָלט פֿאַר־דערפֿאַר,
געווען אין דריי רגעס אַרום
צעטרעטן דורך דרייהונדערט פֿיס.

א זקן פאַרשפּילט זיך מיט זיינע לידער

נאָר אַ דיכטער האָט דאָך
רחמנות אויף אַ ליד — —
האָב איך טאַקע רחמנות געהאַט,
כ'האָב דאָס ליד אויפגעהויבן
פון פאַרבלוטיקטן ברוק,
אַריינגעלייגט עס אין אַ צייטונגס־בלאַט
און אַהיים עס געטראָגן צו מיר.

קוים אַריבערגעטרעטן די שוועל פון מיין טיר,
האָב איך די ווונדן פון ליד באַנדאַזשירט,
און אַריינגעבעט עס אין אַ ליילעכל אַ ריינס
פון אַ שניי־קלאָרן בויגן פּאַפּיר.

איז אַנדרימלט געוואָרן דאָס נאַרישע ליד
אויף מיין טיש —
און ס' איז געווען טאַקע אויסטערליש
צו זען ווי אַ ליד שלאָפט איין און שטאַרבט.
כ'האָב פאַרלאָשן דעם לאָמפּ — דעם הייליקן שלאָף נישט צו שטערן,
און געטראַכט און געטראַכט
האָב איך דריי־פערטל נאַכט —
איך, דער מחבר,
ווי אַזוי צו מאָרגנס גאַנץ פרי זיין מקבר
אין דער לעבעדיקער ערד
דאָס ווונדיקע טויטע גופל פון אַ ליד.
און אפשר גאָר אליין נאָך ביי דער ליד־לוויה
מגולגל צו ווערן
אין אַ ליכטיקן שטערן
און פּטור ווערן די גאַנצע ערד
מיט אַ טויטן ליד צוזאַמען —

1953.

אַ ליד צו אַ גאַסן-קערער

עס האַמערט די שטאָט,
עס רוישט די גאַס,
עס דונערט און בליצט,
איבער, אויף און אונטער דער ערד —
אַרום אים,
דעם גאַסן־קערער:
אָבער ער — מיט זיין ווענעלע מיסט —
גייט פּאַוואָליע, פאַרטראַכט,
ער איז פול מיט רו —
ער קערט,
די גאַס, די שטאָט, די גאַנצע ערד...

אָ, ווען איך וואָלט געהאַט
אין מיינע הענט
דעם שרביט, וואָס קען באַפעלן און באַפעלט
די פירונג פון דער וועלט —
אָ, ווען איך וואָלט דאָס געקענט —
וואָלט איך אין דעם קערערס הענט
איבערגעענטפערט אַלע מזלות
פון דער גאַס, דער שטאָט, דער ערד, דער וועלט:

טו, קערער, מיט זיי
אַלץ ווי דיר געפעלט!
דו זעסט דאָך, זיי זיינען צעריסן פון האַס
און צעלעכצט פון שגעון,
אָבער דו, מיט דיין רו,
מאַך אונדז ריין די גאַס,
די שטאָט, די ערד —
אָ, דו גאַסן־קערער!
זיי אונדזער מנהיג,
זיי אונדזער לערער!

אָבער — איך האַלט נישט דעם שרביט פון מאַכט,
און דאָס זיינען אַלץ נאָר — נאַרן־געדאַנקען,
וואָס דער יאוש האָט אין מיין נאַריש האַרץ
אַריינגעחלומט, אַריינגעטראַכט.
דערווייל אָבער גיי איך דיר — ברודער — נאָך
און בין דיך מקנא.
אָ, ווען אָ ווען דו וואָלסט מסכים געווען
צו פאַרבייטן דיין בעזים
אויף מיין פען.
אָט בין איך שוין אַ זקן,
שריי און זינג און מאָן,
און מאַך בעסער די וועלט.
און וואָס האָב איך אויפגעטאָן?
מיין פען איז שוין מיד —
כאָטש יינגער פון מיר
און מיד איז מיין ליד.
עס קרישלט שוין מיין וואָרט,
נאָר אַלץ איז נאָך פאַרט אויף דעם זעלבן אָרט.
און אַלץ — פונקט אַזוי,
ווי עס איז געווען.
דער ייד איז נאָך ייד,
און דער גוי איז נאָך גוי,
און מיין ליד איז נאָך אַלץ
נישט מער ווי אַ ליד —
אויב עס איז אַ ליד.
אָבער דו, דו גאַסן־קערער,
דו וווּנדערלעכער מאַן,
דיין בעזים מאַכט ריינער די וועלט
מיט יעדן איינציקן שפּאַן.
איך גיי דיר נאָך אַ פאַרטראַכטער,
לענגאויס אַ לאַנגער גאַס,
אַ געדאַנק פאַלט מיר איין,
אַזש דאָס פנים ווערט בלאַס:
איך וועל צוגיין צו דיר
דיר דערלאַנגען
מיין פען

מיט אַלע געדאַנקען
און וועל בעטן:
סער!
דערלאַנג מיר דיין בעזים,
לאָז מיך טאָן אַ קער!
און כאָטש אין מיין אויג
וועט אַ בלישטש טאָן אַ טרער —
וועסטו זיך מסתמא צעלאַכן
ברייט־איין איבער דער גאַנצער גאַס,
און אַ שאָקל טאָן מיט דיין קלוגן קאָפּ —
סער!
דו מאַכסט אַ שפּאַס —
און אפשר גאָר עפּעס מער — —
די וועלט איז דאָך פול מיט שגעון — —

און דו וועסט ווייטער — קערן
און מיינע שבועות נישט הערן.
און כאָטש איך בין טאַקע מקנא
דיין חכמה און דיין רו,
און וואָלט אויף אַן אמת געשפּרונגען
אַרויס פון מיין איך —
און אַריין אין דיין דו,
אַ גאַסן־קערער,
אַ מנהיג גוטער,
אַ טיפער משל, אַ הויכער לערער,
וועל איך מיך פאָרט נישט דערוועגן
צו מאַכן דעם גרויסן שריט,
און דו וועסט בלייבן ביי דיין בעזים
און איך — ביי מיין פען און מיין ליד,
דעם דאָזיקן נאַרישסטן ליד
פון אַלע מיינע לידער.

1954.

★

זובצעטל

★

דיאַלאָגן מיט דעם אין־סוף

זייט

19 אַ דיאַלאָג צווישן אַ מענטש אויף דער ערד און דער זון אויפן הימל
21 ביים שפּיגל
23 שורות וועגן יסורים און וועגן פּחד
24 מעדיטאַציע וועגן אמת
27 אַ בריוו צו מיין זון
31 וווּ זענט איר מיינע טויטע?
33 אַ לעצטע פאַמיליען־סצענע אין אַ שפּיטאָל
37 פּיוטים וועגן גאָט און מענטש
41 אַ בן זקונים נאַקעטע ליד
42 פיר גורלדיקע שאלות און תשובות
52 קריאת שמע
54 מיט אַ שטילן ניגון צו זיך אַליין

כי בנו בחרת

57 נאַכט פון תחנון און בטחון איבער תל־אביב.
72 קול קורא במדבר
86 אַ וואָרט אויף אַן אסיפה פון סופרים ביי יידן
92 הערנדיק די ערשטע שליחים פון פוילן — נאָך דעם דריטן חורבן
94 אַ יידישער דיכטער אין מאָסקווע — 1948
95 אַ ליד וועגן היינטיקע און וועגן אייביקע לידער
97 אין די טעג פון דין מיט די נאַציס — מיט דער וועלט

דו און איך

105 מ. ר. א.
106 ווי לאַנג דו ביסט נאָך דאָ
107 און אַז איך גלויב
109 שפּעטער האַרבסט־פאַרנאַכט ביי אַן אָפן פענצטער

זייט

111 סימפּאָזיום וועגן טרויער
113 אַ מאָנאָלאָג
115 אַ גוטע שוועסטער, אַז איך וועל שטאַרבן —
117 אַ ליד וועגן אײַנערגעץ און קיינמאָל...

אַרום דער לעגענדע פון אַבסאָלוטן יושר און גוטע כוונות

121 אַ תפילה
124 אַ תפילה צום פּנים פון מענטש
125 פּלאַקאַט אויף די ווענט פון דער וועלט
127 אָ, איר שטיינהאַרציקע...
128 בריוו פון דער מענטשהייט צו אירע באַגליקערס
131 אַ דיאַלאָג־מאָנאָלאָג מיט אַ שטיין
133 זאָג נישט קיינמאָל, אַז...
135 גראַמען געשריבן אין זאַמד
136 ויקרא יעקב אל בניו

אַ זקן פאַרשפּילט זיך מיט זײַנע לידער

145 העלענישער אָפּנויג פון אַ יודעאישן דיכטער
148 דאָס ליד איז...
149 לאָמיר זיך לערנען...
150 אַ רגע
152 נאַכט־שמועס אין דער פינצטער וועגן איכות און כמות
153 דיאַלאָג צווישן אַ נאַיוון לייענער און אַ ראַפינירטן דיכטער
154 אויסגעזונגען...
156 דער מאַכטלאָזער דיכטער פּרוווט בעסער צו מאַכן די וועלט
157 עקספּערימענט אין גראַטעסק
159 אחד און אפס — אָדער 1 און 0
160 באַלאַדע אין מיניאַטור — אָן אַ טראַגישן סוף
162 אַ ליד צו אַ גאַסן־קערער

פון זעלבן מחבר:

אויף דער שוועל... /יוגנט פּאָעזיעס/ — — — — — — — לעמבערג 1912

רואינענגראָז/לידער/ — — — — — — — — — — — — — — ווין 1917

שפּינאָזאַ /פּאָעמע/ — — — — — — — — — — — — — ווין 1919

צווייטע, פאַרענדערטע אויסגאַבע — — — — ווין 1921

נאַקעטע לידער — — — — — — — — — — — — — — ווין 1921

דער קרן פון אַלע מיינע לידער /אויטאָ־אַנטאָלאָגיע/ — — וואַרשע 1922

פּרעהיסטאָרישע לאַנדשאַפטן /פּאָעמעס און באַלאַדן/ — — וואַרשע 1924

צו דער יידישער יוגנט /עסיי/ — — — — — — — — — וואַרשע 1924

בלוט אויף דער פּאַן /סאָציאַלע דראַמע/ — — — — — — ווילנע 1929

די פיר זייטן פון מיין וועלט /פיר געזאַנגען/ — — — — — ווילנע 1929

ווייב און מאַן /דריי דראַמעס/ — — — — — — — — — — וואַרשע 1931

קאָנטינענטן און אָקעאַנען /לידער, באַלאַדן, פּאָעמעס/ — — וואַרשע 1937

איבער אויסטראַליע /רייזע־באַשרייבונגען/ — — — — — — וואַרשע 1937

לידער און באַלאַדן פון די לעצטע דריי־פיר יאָר — — — מעקסיקע 1940

מיין לעקסיקאָן /יידישע בעלעטריסטן אין פּוילן/ — — מאָנטרעאָל 1945

67 לידער — — — — — — — — — — — — — — בוענאָס איירעס 1946

מיין לעקסיקאָן /יידישע פּובליציסטן אין פּוילן/ — — — מאָנטרעאָל 1947

איינעמס יידישע מחשבות /עסייען/ — — — — — — בוענאָס איירעס 1949

די קרוינונג פון אַ יונגן יידישן דיכטער אין אַמעריקע /פּאָעמע/
ניו יאָרק 1953

די לידער פון מיינע לידער /אַ כינוס פון דרייצן זאַמלונגען/
מאָנטרעאָל 1954

מ. ראַוויטש־ביבליאָגראַפיע /צונויפגעשטעלט פון יעפים ישורין/
דערגענצט פון וו. אָסטרעגער — מאָנטרעאָל 1954

מיין לעקסיקאָן /יידישע און העברעישע שרייבערס אין ישראל/
מאָנטרעאָל 1958

דאָס מעשה־בוך פון מיין לעבן /פון די יאָרן 1893 ביז 1908/
בוענאָס איירעס 1962

דאָס מעשה־בוך פון מיין לעבן /פון די יאָרן 1908 ביז 1921/
בוענאָס איירעס 1964

עיקר שכחתי /לידער און פּאָעמעס/ — — — — — — — — מאָנטרעאָל 1969

פון דעם מחברס מאַמען:

הינדע בערגנער — אין די לאַנגע ווינטער-נעכט /משפחה־זכרונות/
אַרויסגעגעבן פון די דריי זין:

משה הררי — 1892־1921,
הערץ בערגנער,
מ. ראַוויטש.

מאָנטרעאל 1946

MELECH RAVITCH

POST SCRIPTUM

YIDDISH POEMS AND BALLADS
(1954-1969)

FIVE SERIES

★

Dialogues with Eternity

★

For Thou hast Chosen Us

★

You and I

★

About the Legend of Good Will

★

An Old Man and his Poems

★

Drawings by
AUDREY BERGNER
YOSL BERGNER

PUBLISHED BY THE M. RAVITCH COMMITTEE
at the JEWISH PUBLIC LIBRARY, Montreal 1969

MELECH RAVITCH

POST SCRIPTUM

POÈMES ET BALLADES EN YIDDISH
(1954-1969)

CINQ THÈMES:

★

Dialogues avec l'Éternité

★

Parce que Tu nous a choisis

★

Toi et Moi

★

Le Mythe de la bonne volonté

★

Un Vieillard se distrait avec ses poèmes

★

Esquisses de
AUDREY BERGNER
YOSL BERGNER

ÉDITÉ PAR UN COMITÉ SOUS LES AUSPICES
de la BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE, Montréal 1969